דער ״אידישער זשורנאל״ אַגיטירט פאר איין קאנווענשאן פון די קענעדער אידען

The Hebrew Journal
דער אידישער
זשורנאל
The Hebrew Journal

THE ONLY
JEWISH DAILY
IN ONTARIO.

די איינציגע
אידישע צייטונג
אין אנטעריא.

VOLUME III. No 802 Toronto, Monday, October 4th 1915 כ״ו תשרי פרשה נח תרע״ו מאנטאג, 4־טער אקטאבער 1915 PRICE: 1 CENT

A S Freidus c/o The New York Public Library 476 Fifth Ave.

רוססלאַנד גיט בולגאריען צייט 24 שטונדען

ענגליש פראנצויזישע טרופען וועלען קירצליך לאנדען אין סאַלאניקי

פעטראגראַד, אַקט. 3.

דער רוסישער פאַרשטעהער האט נעקראַגען אן אָרדער צו פארלאַזען סאַפיא אין צייט פון 24 שטונדען, סיידען דיא בולגארישע רעגיערונג וועט אָפען אָבברעכען מיט עסטרייך און דייטשלאנד און וועט אוועק שיקען זייערע מיליטערישע אָפיציערען וועלכע געפינען זיך איצט אין בולגאריען.

פאלגענדע נאָטע האט דער רוסישער פאַרשטעהער געדארפט איבערגעבען צום בולגארישען פרעמיער ראדיסלאוואף.

״ווי עס זעהט אוים האט די רעגיערונג פון קעניג פערדינאנד בעשלאָסען איבער צו געבען איהר שיקזאל אין די הענד פון דייטשלאנד.

די אנוועזענהייט פון דייטשע און עסטרייכער אָפיציערען אין אייער קריגס מיניסטעריום, דאָס קאָנצענטרירען פון טרופען נעבען סערבישער גרעניץ און דיא פינאנציעלע שטיצע וואָס איהר האָט ערהאלטען פון אונזער שונא ערקלעהרט אונז דייטליך דעם צוועק פון בולגאריענס מיליטערישע פארברייטונגען.

אייערע האנדלונגען שטימען ניט איין מיט אייערע פערשפרעכונגען״.

״דער פאַרשטעהער פון רוסלאנד, וועלכע האָט אייך בעפרייט פון טערקישען יאָך, קאָן ניט סאנקציאָנירען מיט זיין אנוועזענהייט א ברודער אנגריף נעגען א סלאווישען און א פערבונדענעם פאָלק. דער רוסישער מיניסטער מוז דארום מיט זיין גאַנצען שטאב פערלאַזען בולגאריען אין צייט פון 24 שטונדען סיידען בולגאריען וועט גאַנץ אָפען אָפּברעכען מיט דיא שונאים פון דער סלאווישער זאך און דיא שונאים פון רוסלאנד און וועט זאָפארט אוועק שיקען די אָפיצירען פון די שונאים פון די עלליים.״

עלליים וועלען לאנדען אין סאלאניקי

פאריז, אַקט. 3.

דאָס לאנדען פון אן ענגליש פראנצויזישער עקספעדיציאָן אין סאלאָניקי כדי צו זיין גרייט פאר די נאָהענטע געשעהענישען אויפ׳ן באלקאן, וועט קירצליך שטאטפינדען, שרייבט די ״טאָן״, וועלכע גיט צו דאָס גריכענלאנד האָט נאָך אין מאָנאט אפריל נעגעבען איהר צושטימונג אז דיזער פאָרט זאָל גענוצט ווערען.

די ״טאָן״ ערקלעהרט דאָס דער פיער־בונד האָט מודיע געווען גריכענלאנד אז זייערע פאַרשלעגע צו בולגאריען זענען צוריק געצויגען געוואָרען. די פאַרשלעגע האבען ערקלעהרט קאָנצעססיעס פון סערביען, און בולגאריען איז נעפרעגט געוואָרען אויב דיזע קאָנצעססיעס וועלען זי מאכען מיט צו ארבייטען מיט די איבריגע באלקאנער מלוכות.

״אָהנע צו ענטפערען״, זאָגט דיא ״טאָן״, ״האָט בולגאריען מאָביליזירט״.

אפיציעלע בעריכטען

פאריז, אַקט. 2.

די פראַנצויזען האָבען אויסגעגליכען זייערע ליניעס אין שאמפאן דערמיט וואָס זיי האָבען רעדוצירט די בולט׳ע פונקטען וועלכע די דייטשען האָבען געהאלטען אין דרום מזרח פון טאהיר. דיא נייע פראנצויזישע ליניעס אין צפון מזרח פון אָבעריוו זענען שטארק באָמבאַדירט געוואָרען.

אין ארטוא זענען דעם שונא׳ס גרויסע הארמאטען אויך געווען שטארק בעשעפטיגט. דאָך אין צפון מזרח פון נעווילל, צו דרום זייט פון דעם אימפאנירענדען בארג נומער 40 האָבען די פראנצויזען געמאכט פּראָגרעס אויף די געבירגע פון לא־פאָלי.

פראנצויזישע לופט שיפען זענען געווען טהעטיג באָמבאַרדירענדיג די אייזענבאהן ליניען הינטער דעם דייטשען פראָנט און דורך דער נאכט האָבען הארמאטען פון די לופט שיפען באָמבאַדירט די דייטשע ליניעס.

דער אָפיציעלער בעריכט לויטעט:

אין געגענד פון ארטוא האָט דעם שונא׳ס ארטילעריע נעכטען זעהר שטארק באָמבאַדירט אונזערע פּאָזיציאָנען אין מזרח פון סושעי. טראָץ דעם האָבען מיר געמאכט פּראָגרעס פון טרענטש צוא טרענטש אויף די לא פאָלי בערג.

אין שאמפּאן נעגענד האָבען די דייטשען נעכטען אין אווענד באָמבאַדירט אונזערע נייע ליניעס נעבען וועדעגראנזש; און אין מזרח פון נאַווארען פארם האָבען מיר איינגענומען א וויכטיגע טהייל פון שונא׳ס פּאָזיציאָנען, וועלכע טהייל איז ווירקליך געוועזען א בולט שטיק פון דער ווירקליכער ליניע צו צפון זייט פון מענסיל.

אין לאָריין האָבען צוויי דייטשע רעקאָגנאָסצירענדע מחנות אטאקירט צוויא פון אונזערע פּאָזיציאָנען נעבען מאַנסעל און נעבען סארנוויללע. זיי זענען צוריקגעשטויסען און פעריאָגט געוואָרען פון די פראנצויזען צוריק צו זייערע אייגענע ליניעס.

בערלין, אַקט. 2.

לויט טעלעגראמען פון מערב שלאכט פעלד האָט גענעראל דזשאָפער פערזוכט אן ארום רינגלענדע בעוועגונג זי איז אָבער געווען אָהן וועלכע עס איז רעזולטאטען.

די פראנצויזען האָבען ערליטען דיא שרעקליכסטע און אונגעהערטע פערלוסטען. טראָץ דעם וואָס זייער ארטילעריע האָט זיך איינינע טעג פּאַרברייטעט דאָך זיינען זייערע אטאקען דורכאויס ניט געלונגען ווייל קיינע פון זיי האָט ניט ערגרייכט דעם געווינשטען ציעל.

פרייסען האבען שוין פערלארען צוויי מיליאן מענשען

אמסטערדאם, אַקט. 3.

די דייטשע ליסטען נומער 330 ביז 339 פון סעפּט. 27 ביז סעפּט. 28 געבען די נעמען פון 63,467 געטויטעטע פערוואונדעטע און פערלאָרענע, לויט דער ראָטערדאמער צייטונג ״קוראַנט״.

דיזע צייטונג זאָגט ווייטער דאָס דיזע ציפערען פערגרעסערען דעם סך הכל פון פרייסישע פערלוסטען צו 1,916,141 דאָס הייסט קרוב צו צוויי מיליאָן.

ווי אזוי, שרייבט ווייטער דיזע צייטונג, ווי אזוי די לעצטע שלאכטען האָבען פערגרעסערט די פערלוסטען ווייזען פאָלגענדע ציפערען:

די ליסטען פון נומער 300 ביז נומער 309 דערצייהלט פון 79,705, די ליסטען פון נומער 310 ביז 319 ענטהאלטען 53 טויזענד נעמען און די ליסטען פון 320 ביז 329 אויך אונגעפעהר דיזעלבע צאָהל.

דער טרייל פון די קלאוס סייקער

ניו־יאָרק, אַקט. 4.

ווען דער פּראָצעס פון די זיבען אנגעקלאָגטע קלאוקמאכער וועט זיך ווידער אנהויבען פאר דזשאַדזש טאָמפּקינס און א דזשורי אין קרימינאל בראַנטש פון סופּרים קאָרט וועט אסיסטענט דיסטריקט אטוירני דעלעהנטי פארזעצען דעם קרייז פערהער פון מאָרים זיגמאן.

אסיסטענט דיסטריקט אטאָרני דע לעהענטי האָט בדעה צו האלטען זיגמאַנען אויפ׳ן סטענד היינט א גאַנצען טאָג.

אזוי ווי דער פּראָצעס וועט געדויערען נאָך עטליכע וואָכען וועט דזשאַדזש טאָמפּקינס אָבהאלטען נאכט זיצונגען.

די לאָיערס פון דער פערטהיידיגונג וועלען ניט זיין געגען דעם.

די פערטהיידיגונג פון די אנגעקלאָגטע קלאוקמאכער האָט צוגעגרייט פיעלע סענסיישאָנס פאר דעם דיסטריקט אטאָרני. די לאָיערס זענען זיכער אז דער דזשאַדזש וועט בעפרייען די אָנגעקלאָגטע אזוי שנעל ווי די פערטהיידיגונג וועט ענדיגען איהר צד. זיי זענען זיכער אז די קיים וועט גאָר נישט דערלעבען צו קומען אין די הענד פון דער דזשורי.

עס איז א סברא דאָס די פערטהיידיגונג וועט בעווייזען מיט צעהנדליגע עדות אז פיעלע פון די זיבען זענען גאָר ניט געוועזען אין דער נאכט פון מאָרד. סטופּניקער, וועט די פערטהיידיגונג בעווייזען, איז אין דער נאכט פון 31טען דזשולי ווען הערמאן לייבאָוויטץ איז ערמאָרדעט געוואָרען, געוועזען ארעסטירט אין האיט פּארק נעבען באָסטאָן. דאָס וועט בעשטעטיגט ווערען פון וואָרדען פון דזשייל, פון ריכטער און פון קאָנסטייבעל. א גאַנצע קאָמישאָן וועט קומען און שווערען אז משה סטופּניקער איז ארעסטירט געוואָרען יענע נאכט אלס רעזולטאט פון א געשלעג צווישען סטרייקער און סקעבס.

דייטשלאַנד׳ס ענטפער וועגען דער ״אראביק״

ניו־יאָרק, אַקט. 3.

גראף פאָן בערנסטאָרף, דער דייטשער אמבאסאדאָר האָט נעכטען אין האָטעל ביקטמאָר אין ניו יאָרק איבערגעגעבען סעקרעטער לאנסינג א נאָטע פון די דייטשע רעגיערונג, וואָס ענטהאלט דעם ענטפער פון דייטשלאנד וועגען דעם זינקען פון די שיף ״אראביק״. דער געשפּרעך צווישען לאנסינג און אמבאסאדאָר האָט געדויערט בלויז 10 מינוט.

דער אינהאלט פון די נאָטע איז נאָך ניט בעקאנט געוואָרען. עס ווערט אָבער פערשטאַנען אז די נאָטע ענטהאלט א באזיס פאר ווייטערע פערהאנדלונגען. עס ווערט בעהויפטעט אז דייטשלאנד ווידערהאָלט איהר פערשפרעכונג אז פּאסאַזשיר שיפען דארפען ניט אטאקירט ווערען אָהן ווארנונג. אין דיזען פאל איז דייטשלאנד צופריעדען די גאַנצע זאך איבערצוגעבען צו ארביטריישאָן צו די פעלקער געריכט אין האאג, וואָס זאָל בעשטימען אויב דער קאפּיטאַן פון די ״אראַביק״ איז שולדיג אָדער דער קאָמענדאנט פון די סובמארין. די קאורט אין האאג זאָל אויך בעשטימען ווי פיעל דייטשלאנד זאָל צאָהלען שאָדען ערזאץ אין פאל עס ווערט געפונען אז די שולד ליגט מיט דעם קאָמאנדאנט פון די סובמארין.

סעקרעטער לאנסינג וועט די נאָטע מיטנעהמען אין וואשינגטאָן און וועט זיך בעראַטהען מיט פּרעזידענט ווילסאָן בעפאָר ווייטערע שריטע וועלען גענומען ווערען.

אונזער קומענדע הלואה ווארשיינליך 150 מיליאָן דאָלאר

אטאווא, אַקט. 2.

ווען די נעכסטע קענעדער הלואה וועט ארויסגעלאָזען ווערען צוליעב דער מלחמה, וועלכעס וועט געשעהן צו דער ענדע פון דיזען יאָהר, וועט די הלואה אָהן שום ספק געמאכט ווערען טאקי דאָ אין קענעדע.

זייט די מלחמה האָט זיך אנגעהויבען זענען געמאכט געוואָרען צוויי הלואות, איינע פאר 50 מיליאָן דאָלאר און די צווייטע פאר 100 מיליאָן ביידע זענען געווען פינאנסירט פון ענגלאנד. דיזע זענען פּראָוויזאָרישע הלואות און באלד ווי די מלחמה וועט פאַראיבער וועט דאָס אין אָרדנונג געבראכט ווערען. עס איז ווייטער געמאכט געוואָרען אן הלואה פון 45 מיליאָן דאָלאר פאר היימישע צוועקען. דיזע סומע האָט מען נעקראָגען אין ניו־יאָרק.

ווי עס ווייזט זיך ארויס וועלען די פינאנציעלע אינטערעסען פון לאנד און דאָס פּאבליקום אין אלגעמיין זיין צופרידען דאָס אן הלואה זאָל געמאכט ווערען טאקי דאָ אין לאנד, און עס ווערט דארום די פראגע בעטראכט ווי אזוי ארויס צוא לאָזען אן הלואה אזא או מענשען זאָלען מיט א גאַנץ קליינעם קאפּיטאל אויך קענען אן אנטהייל נעהמען. די נעכסטע הלואה וועט ווארשיינליך זיין פאר 150 מיליאָן דאָלאר. קענעדער פינאנציעלע אינטערעסען האָבען שוין געמאכט איינינע אנפראַגען וועגען א מעגליכקייט ארויס צו לאָזען א היימישע הלואה, און זיי האָבען ערקלעהרט דאָס אויב עס וועט זיך ארויס ווייזען אז עס זענען פאַראן גוטע אויסזיכטען דאן וועלען זיי זיך צוריקהאלטען און וועלען ניט קויפען קיין באַנדס פון דער פראנצויזיש ענגלישער הלואה און דיא פעראייניגטע שטאאטען. עס איז פערשטאַנען דאָס זיי זענען גאַנץ צופריעדען אז א קענעדער מלחמה הלואה זאָל ארויסגעלאָזען ווערען.

ווען איהר קויפט עטוואס דערמאנט דעם נאָהמען פון ״אידישען זשורנאל.״ לעזער זיינען איבערהויפּט הערצליך ערזוכט צו פּאַטראָניזירען אונזערע אדווערטייזער.

קאנווענשאן פון קענעדער אידישען פערבאנד דעם 5־טען דעצעמבער

(טעלעגראמע צום ״אידישען זשורנאל״)

מאַנטרעאל, אַקט. 3.

נעכטען שבת אווענד האָב איך פאָרגעבראכט פאר דער קאָמיטע פון פאָלקס־פערבאַנד אלע פרטים און פלענער בנוגע דער קומענדער קאָנווענשאָן, דעם פּראָגראם ווי אויך דעם ציעל פון אָבהאלטען א קאָנווענשאָן אויף דעמאָקראטישע יסודות.

אלעס איז בעטראכט און דיסקוטירט געוואָרען.

עס איז בעשלאָסען געוואָרען דאָס די קאָנווענשאָן זאָל שטאטפינדען פון פיפטען ביז דעם זיבעבטען דעצעמבער אין מאָנטרעאל אָדער אין טאָראָנטאָ, ווי עס וועט בעשלאָסען ווערען דורך א רעפערענדום.

ראובן ברײנין.

קאנפערענץ פיר מלחמה ליידענדע

עס איז בעריכטעט געוואָרען דאָס אונזערע וואָלונטירען האָבען נעכטען צוזאמעלט די סומע פון $271.78 דאָס בעווייזט אז זיי טהוען זייער ארבייט בשלמות וואָך איין וואָך אוים.

עס זענען געמאכט געוואָרען אלע אררייגדזשמענטס פאר׳ן קומענדען מיטינג וועלכער וועט שטאטפינדען זונטאג אווענד דעם 10טען אָקטאָבער. הערר ראובן ברײנין, וועלכער קומט ספּעציעל פיר דעם מיטינג, וועט רעדען, און עס איז פאַראן האָפנונג דאָס פּראָפעסאָר סלושץ וועט אויך קומען רעדען צו יענעם מיטינג, און טאָראָנטאָר אידען וועלען האָבען א געלעגענהייט צו קענען דיזען אידישען געלעהרטען, וועלכער איז געשיקט פון אמעריקא פון דער רעגיערונג פון מאָראָקקא צוליעב וויכטיגע געשעפטס אנגעלעגענהייטען, און אויך צוליעב זיין בוך, וועלכעס איז אין אייראָפּא ערשיענען אין פראנצויזיש אין ווערט אין די פעראייניגטע שטאאטען ארויסגעגעבען אין ענגלישען.

עס זענען יעדענפאלס פאַראן נענוג אורזאכען אז אלע וועלען קומען צו יענעם מיטינג און דאָס ער וועט זיין א גרויסער ערפאָלג.

עס זענען אויך אויסגעהערט געוואָרען בעריכטען פון קאָמיטעס וועלכע האָבען בעזוכט פערשיעדענע סאָסייעטיס בנוגע דער קומענדער קאָנווענשאָן פון קענעדער אידישען פערבאנד, וועלכע וועט שטאטפינדען דעם פינפטען דעצעמבער. לויט די בעריכטען זעהט מען דייטליך אז דער אידישער עולם איז מיט לייב און לעבען פאר איין קאָנווענשאָן און פאר א פערבאנד פון אלע קענעדער אידען, דאָס הייסט פאר איין פערבאנד פון אלע אידען אָהן רייסערייען אין אזא עת צרה.

עס איז אויך גערעדט געוואָרען וועגען דעם וואָס מאכען, וועלכע דיא האָבען א תירוץ פאר וואָס זיי געבען ניט קיין 10 סענט א וואָך, ערלויבען זיך צו ווארפען א חשד אויף דער מענעדזשמענט און אויף די ביכער, און עס איז ערקלעהרט געוואָרען דאָס די ביכער, זענען תמיד אָפען פיר יעדען אין 194 בעווערלי סטריט, וואו דער סעקרעטער פון קאָנפערענץ געפינט זיך.

פרוי פערלירט איהר זכרון

נעכטען שפּעט נאָכמיטאָג האָט פּאָליסמאן מור וועלכער געפינט זיך אויף יאַנג סטריט דערזעהען ווי אן עלטערע פרוי פון א יאָהר 50 שלעפּט זיך ארום איבער׳ן גאַס אָהן א וועלכען עס איז ציעל, דער פּאָליסמאן איז צו איהר צוגעגאַנגען און האָט איהר געפרעגט ווער און וואָס זי איז אָבער זי האָט איהם אויף דעם גאָר נישט געענטפערט, דער פּאָליסמאן האָט פערשטאַנען אז עטוואָס איז דער מעהר מיט דער פרוי, און ער האָט זי דעריבער אָבגעפיהרט אין קאורט סטריט פּאָליס סטיישאָן, דאָרט האָט א מייטראָן אויף איהר אכטונג געגעבען, די מייטראָן האָט אָבער דערזעהען אז דער פרויס צושטאַנד ווערט אלע מאָל ערגער ביז זי איז אין אָהנמאכט געפאלען, א פּאָליס אמבולאַנס האָט זי גלייך אָבגעפיהרט אין סיינט מייקעלס האָספּיטאל וואו די דאָקטוירים האָבען איבער איהר גאַנץ שווער געארבייט ביז מען האָט זי צו זיך געבראכט.

ווען זי האָט זיך צום ערשטען מאָל אויפגעכאַפּט האָט זי ערקלעהרט אז איהר נאָמען איז ראָזי גודהאל און וואָהנט אין דעפּאָי סטריט, זי איז אָבער באלד ווידער געפאלען אין אָהנמאכט, ווען זי האָט אויפגעוואכט צום צווייטען מאָל האָט זי ערקלעהרט אז זי וואָהנט אין טעקאמסע סט.

ווער זי איז וויים מען נאָך ניט, און לויט די דאָקטוירים ערקלעהרען האָט זי פערלוירען איהר זכרון.

קיין אידישער בריעף איז אין רוסלאַנד ניט אריין

פעטראַגראַד, סעפּט. 15.

ווען די דומא האָט געהאַט איהר לעצטע זיצונג איז אין א קאָמיטע דיסקוטירט געוואָרען דאָס צענזורירען די בריעף. פּראָפעסאָר פּאַאול נ. מיליוקאָוו האָט געראַטהען דאָס עס זאָל פעסטגעשטעלט ווערען א גרעניץ אין צייט ביז ווי לאַנג א בריעף זאָל מעגען פערהאלטען ווערען צוליעב דעם צענזאָר. דער הויפּט פון מיליטערישען צענזור ביוראָ אין פעטראָגראַד, גענעראל סטרוקאָף, איז געווען צופריעדען מיט דיזער רעקאָמענדאַציאָן, ער האָט אָבער ערקלעהרט דאָס עס וועט זיין אונמעגליך אויסצומיידען אז בריעף זאָלען זיך ניט אָנקלייבען סיידען די צאָהל פון די צענזאָרען זאָל פערגרעסערט ווערען פון 200 אויף 500. דורכשניטליך, האָט ער ערקלעהרט מוזען טאָג טעגליך 80 טויזענד פּעק בריעף אינספּעקטעט ווערען.

איינער פון די רעדנער האָט אויפמערקזאם געמאכט אויפ׳ן פאַקט, דאָס אזוי ווי צווישען די צענזאָרען איז נישט געווען איינער אפילו וואָס קאָן אידיש, איז דארום קיין איינציגער בריעף געשריעבען אין אידיש דורכגעלאָזען געוואָרען פאר דער גאַנצער צייט זייט די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבען.

די קאָמיטע האָט בעריכטעט דאָס שריטע מוזען גענומען ווערען אז עס זאָל מעגליך ווערען אז קיין בריעף זאָל ניט פערהאלטען ווערען מעהר ווי א מאָנאט.

סער דזשאָן פרענטש האָט ערגרייכט זיין ציעל.

לאָנדאָן, אַקט. 3.

די ענגלישע האָבען געגעבען א נעגנע אטאקע פרייטאָג צו נאכט אויף די דייטשען אין דרום מערב פון פאַסס, פראַנקרייך, און האָבען ערגרייכט זייער ציעל, וועלכער איז געווען צוויי דייטשע טרענטשעס, לויטעט א בעריכט פון סער דזשאָן פרענטש.

קיין אנדערע פעלע פון וויכטיגקייט זיינען אויף אונזער פראָנט ניט געשעהן.

וויינשטיין בעגריסט פון צאַר.

לאָנדאָן, אַקט. 3.

הערר וויינשטיין, דער אידישער סוחר פון אָדעסא וואָס איז דורך די רוסישע בערזען געוועהלט געוואָרען אלס מיטגליעד פון קייזערליכען סאָוועט, איז אויפגענומען געוואָרען אין אודיענץ פון צאַר, וואָס האָט איהם בעגריסט אלס נייער מיטגליעד פון קייזערליכען סאָוועט.

עס ווערט אויך מיטגעטהיילט פון פעטראָגראַד דאָס גראַף איגנאַטיעוו, דער רוסישער מיניסטער פון בילדונג האָט בעשטימט דאָקטאָר האַכמאַן אלס פּראָפעסאָר פון אָדעסער אוניווערזיטעט.

דווינסק ווילנא שלאכט צופריעדענשטעלענד

לאָנדאָן, אַקט. 2.

די רוסען האלטען אן איין ״קומען צו זיך״. לויט אן אָפיציעלער מיטטיילונג איז זייער פאָרשרים צווישען דווינסק און ווילנא, ווענען וועלכען עס איז בעריכטעט געוואָרען אז ער גרייכט א פונקט נעבען פּאָסטאַווי, אין מזרח פון סווינציאַני, בעפעסטיגט געוואָרען, דערמיט וואָס די נילאָוויטש איז גענומען געוואָרען, און אויך דאָס דאָרף איוני וואָס געפינט זיך ניט ווייט, אין דרום זייט פון פּאָסטאַווי איז דער שונא פעריאָגט געוואָרען פון דער מעדזיאל סטאַציאָן. אביסעל ווייטער אין דרום זייט האָבען די רוסען פערנומען 100 וועגען און פערד און האָבען מיט׳ן שווערד אטאקירט דעם אנטלויפענדען שונא. אויף אזא אופן אלזא ווערט די שלאכט פון דווינסק־ווילנא בעטראכט פאר צופריעדענשטעלענד.

אין ראַיאָן פון נאָווא גראַדעק האָט דער שונא פערלוירען די דערפער יוקי און קאַרעליטצי.

א טרויער פערזאמלונג ביי די פועלי ציון

פרייטאָג אווענד איז אָבגעהאלטען געוואָרען א טרויער פערזאמלונג ביי דיא פועלי ציון. דער פאָרזיצענדער פון פערזאמלונג חבר הערמאַן האָט ערעפענט דיא פערזאמלונג מיט א פּאַסענדע רעדע און האָט דערמאָהנט דעם אקאָרשט פערשטאָרבענעם יונגען חבר נעלער. די פערזאמלונג הערט אוים די רעדע שטייענדיג.

עס ווערט בעשלאָסען פעראייביגען דעם אַנדענקען פון דעם יונגען חבר געלער דורך דעם וואָס עס וועט פערפלאַנצט ווערען א בוים אויף זיין נאָמען אין׳ם יער הערצל.

חבר מענסאָן נעהמט דאן דאָס וואָרט און דערמאַנט דעם פערשטאָרבענעם ארבייטער פיהרער און סאָציאַליסט קיער הארדי. ער ווייזט אָן אז קיער הארדי אזוי ווי זשאָרעס זענען געווען די ווירקליכע אַפּאָסטאָלען פון אלוועלטליכען פריעדען און דער טויט פון אזא ארבייטער פיהרער ווי קיער הארדי רופט ביי אונז ארוים א טיפען טרויער. דער רעדנער דערצעהלט אויך וועגען דעם אז קיער הארדי איז געווען איינער פון די ערשטע קריסטליכע סאָציאַליסטען וואָס האָט פערשטאַנען די נויטווענדיגקייט פון א דירעקטער פערטרעטערשאַפט פון די אידישע ארבייטער קעמפּט פאר אידישע פראַקציע אין אינקעמפּט פאר א אידישע עקציע אין אינטערנאַציאָנאַל. די פערזאמלונג עהרט דעם אנדיינק פון קעיר הארדי מיט אויפשטיין און בעשליסט צו פלאַנצען א בוים אין יער הערצל אין נאָמען פון פערשטאָרבענעם סאָציאַליסט.

געלד געשיקט

מר. ה. ווייגבערג, שיקט געלד קיין רוסלאנד לויט טאָגעס קורס.

דער פרייז פון היינטיגען טאָגעס קורס

38

סענט (פאר רובעל)

מר. ה. ווייגבערג, דער ארויסגעבער פון ״זשורנאל״ מיינט בלויז די טובה פון די וואָס שיקען, אז זייער געלד זאָל אָנקומען שנעל, ריכטיג און פאר דעם בילינסטען פרייז.

חתן כלה

אלען דאס נעהמען אין אכט!

מעררידזש לייסענס

קאן מען קריגען אין אפיס פון

„אידישען זשורנאל"

נאטיס!

דיא יעניגע וואס וועלען דא נעהמען זייערע מעררידזש לייסענס וועלען קריגען געדרוקט א שעהנעם בעריכט פון זייער חתונה. פריי

בענוצט זיך מיט דיזע געלעגענהייט!

אדרעס פון דעם זשורנאל

67 עליזאבעטה סטריט 67

אידען פון דער גאנצער וועלט!

54

צו איהר וועט בעקומ'ן א פרייז אדער ניט, די בילדער דארפט איהר זאמלען.

מיט פיעל שוועריגקייטען איז אנגעקומען די בילדער צו בעקומען. א סעריע פון בילדער געזאמעלט אין פערשיעדענע לענדער איז פער־בונדען מיט גרויסע אויסגאבען.

די בילדער זענען פאסיג פאר אן אלבום.

אז איהר וועט זיי אנקלייבען, וועט איהר האבען די שעהנסטע אידישע זאמלונג זאמעלט די בילדער, און ביי א קליינער אנשטרענגונג, וועט איהר נאך אויך בעקומען א פרייז.

זאמעלט די בילדער און בעקומט א פרייז

מיר וועלען דרוקען ארום 100 בילדער וועגען אידישע טיפען פון אלע וועלט טהיילען.

די בילדער וועלען ערשיינען יעדען טאג א בילד, זיי וועלען ניט האבען קיין אונטערשריפטען אונטער זיך און די לעזער וועלען דארפען טרעפען, וועלכען אידישען טיפ, דאס בילד שטעלט פאר.

ווען אלע בילדער וועלען אבגעדרוקט ווערען, וועלען די לעזער דארפען אריינשיקען זייערע בילדער, מיט די אונטערשריפטען, וועלכען אידישען טיפ, יעדעס בילד שטעלט פאר, פון די וואס וועלען אריינשיקען די ריכטיגע ענטפערס, וועלען 25 בעקומען פרייזען א פראכטפאל געבונדענעם און אינטערעסאנטען בוך.

פאר די מלחמה קרבנות

חזן ב. וואלאדאווסקי האט ערפילט זיין פערשפרעכען אוועקצוגעבען זיינע הכנסות פון ברית'ן פאר די מלחמה קרבנות, חזן וואלאדאווסקי איז די גאנצע צייט געוועזען קראנק, און ניט געקענט אטענדען קיינע ברית'ן, נעכטען איז עס געוועזען דאס ערשטע מאהל, וואס ער האט געקענט געהן אויף א ברית, און די גאנצע אננאהמע דערפון האט ער איבערגעגעבען אין „אידישען זשורנאל".

דער ברית איז געוועזען ביי י. קאץ 96 וואלטאן סטריט, און די אננאהמע איז געוועזען $3.50. חזן וואלאדאווסקי האפט, אז די אידען, וואס וועלען פערגרעסערען די פאנדען פאר די מלחמה־קרבנות, וועלען עס האבען אין זינען.

ארבייטער זאמלען געלד פאר די מלחמה קרבנות

ביי די מילער מאנופאקטשורינג קא. וואו מען ארבייט מיליטערישע ארבייט, האבען זיך געפינען אייניגע ארבייטער, וועלכע האבען זיך געווענדעט צו די איבעריגע מיט א פארשלאג, אז אזוי ווי זיי פערדיענען יעצט געלד, זאלען זיי עטוואס דערפון געבען פאר די מלחמה קרבנות, און אלס רעזולטאט, האבען זיי שוין געמאכט $19.28 זיי זאמלען עס ביי יעדער פעי, און דאס וואלט געמעגט דיענען אלס א ביישפיעל פאר די איבעריגע שעפער.

$7.75 פון דיעזער סומע האבען זיי איבערגעגעבען צו מר. פאליאקאוו, וועלכער האט דאס געלד איבערגעגעבען צו מר. לעווינסקי, די איבעריגע $11.75 האבען זיי נעכטען געבראכט אין אפיס פון „זשורנאל".

וועלען זיך געפינען שעפער, וואס וועלען פאלגען זייער ביישפיעל.

Real Estate
ריעל עסטייט

צו פערענטען א סטאר מיט 6 רומס אלע קאנוויניענס 171 סיינט פעטריק גע־גענאיבער קענזינגטאן עוו. נאכפרעגען 6 דעניסאן סקוער.

3761—5—10)

צו פערענטען א הויז מיט א רענט שאפ 111 נייעגרא סטריט. רענט $20 א מאנאט.

Apply, M. SAXE,
Acton W., Ont.
3743—3—10

7 דאלער פאלמערסטאן עוו., 2 רומס פלעט, סטים הוטינג, טעלעפאן, בליינדס עלעקטריק פיקטשורס. פרעגען טעלעפאן קאלעדזש 2814.

3765—4—10)

צו פערקויפען איין גוט איינגעטרייטע גראסערע ענד פרוכט סטאר אין קענזינג־טאן עוו. דער קויפער איז פערזיכערט צו מאכען איין לעבען. נאכפרעגען: „זשורנאל" באקס 335.

3764—1—10)

די קאנגרעגיישאן בית ישראל אנשי מינסק פערלאנגט א שמש. פאר אינפאר־מיישאן נאכפרעגען 48 קענזינגטאן עוו. ב. פרידמאן.

3780—10—6)

א שעהנע 9 רומיגע הויז אויף מאר־רען סטריט. סאליד בריק, אלע קאנווינ־יענס. ווערענדא, לאונדרי טאב. רענט ביליג. פרעגען ניסענעוויץ 37 מיידזשאר סטריט.

3806—10—5

צו פעררענטען 3 רומס דאונסטערז. נאכפרעגען 157 יוקליד עווענ־י.

3797—4—10

צו פערקויפען 4 סינגער שניידער־מאשינען זעהר ביליג. פרעגען פיין 15 זענזינגטאן עווענ־י.

3803—4—10

פערלאנגט א פלעט פון 3 אדער 4 רומס מיט קאנוויניענס פאר א פאאר פאלק צווישען יוניווערסיטי און ספעדינא טעלעפאנירט ארעליד 3091 לערענבאום. יועט צאהלען ביז 20 דאלאר א מאנאט.

3814—10—5

א הויז צו פעררענטען 313 אגוסטא עווניו רענט $9 פרעגען 212 סימקא סט.

3798—10—5

אן איינגעטרייטען כשר רעסטאראנט אין אידישען געגענד. גאראנטירט צו מאכען א לעבען פאר פאסענדע פערזאנען. צו פערקויפען פאר א גאנץ ביליגען פרייז אורזאכע פון פערקויפען פאמיליע אנגע־לעגענהייטען. שרייבט זשורנאל באקס 18.

3808—10—6

50 דאלאר, 5 רומס, בריק פראנט, קאנוויניענס אין סאלטער סט. בעלענס $2,150 אין רענט צו 12 דאלאר א מא־נאט אריינרעכענענדיג אינטערעסט און פרינסיפעל. נאכפרעגען 149 לעסלי סט.

3802—4—10

א פלעט פון 5 רומס צו פעררענטען זיך נאכפרעגען אין 85 ד'ארסי סטריט. ביליג רענט.

3809—10—5

איך זוך א 6 רום הויז אין געגענד פון ספעדיינא און יוניווערסיטי עווענ־י און אויך מיט אלע קאנוועניענס. נאכפרע־גען 24 בולווער סטריט.

3819—6—10

א פלעט צו פערענטען מיט אלע קאנ־וועניענס. פרעגען 223 בעווערלי סטריט.

3816—10—10

צו פערענטען א הויז $12 ריער 44 ד'ארסי סטריט. 6 רומס מיט א גרויסען סטייבעל. פאסענד פאר א פעדלער. פרע־גען ביי מר. גוראפסקי.

3815—4—10

פערלאנגט א מענער שניידער 768 קווין וועסט

10—4

וואטש דעם אדווערטייזמענט !

צו פעררענטען א הויז מיט 7 רומס און קאנוויניענס, א סטייבעל בעק וואגען אינסייט ספערעט מיטער, פאר זעהר בי־ליג רענט, עס מוז פעררענט ווערען דיא וואך ווייל דער אייגענטהימער פערלאזט די שטאדט. דאן האב איך א גוטען סטאוו צו פערקויפען גאראנטירט גוט.

נאך פרעגען 7 קעזשעמר סטריט אף צענט פעטריק סטריט קעגען איבער דעם פארק 2 בלאק פאר באטהורסט סטריט.

[illegible]

ביי מיין סאפער ביי מר. מאריס גרינבערג 432 ריטשמאנד וועסט איז קא־לעקטעט געווארען $4.24 פיר די מלחמה ליידענדע.

די געלד איז איבערגעגעבען געווא־רען צום טרעזשורער מר. וויינבערג. ביי מר. מילין.

אויף תנאים ביי מר. סעם גאלדבערג, 14 סענטער עוועניו, ביי זיין ברודער מא־רים און זיין כלה סטיווענס, איז געזא־מעלט געווארען דורך מר. קארנבלום 221 בעווערלי סטריט $2.55.

ארבייטער פערלאנגט

פארס צו ביליגע פרייזען ביי ב. גאדמאן 382 פארלאמענט סטריט, פאקס, מינק סעטס און זא ווייטער. טעלעפאן מיין 6092

א קענדי ראוד, מיט א פערד און וואגען צו פערקויפען. גאראנטירט א לעבען צו מאכען.

נאכפרעגען 757 קווין סטריט וועסט.

3749—10—4

עטוואנס א גוטע פינישערין ביי וועס־טען אויך א בייסטערין. פרגען 63 א האלב עדווארד סטריט.

3820—6—10

פערלאנגט דרייווערס מוזען פער־שטעהען צו האנדלען א פערד און ניט זיין פרעמד אין שטאדט. נאכפרעגען י פאללאן, 20 מאולד סטריט.

3818—4—01

פערלאנגט א אידישען בעקער וואס קאן באקען גוטע שווארצע און ווייסע ברויט. א סטעדי דזשאב אויף 3 דאלאר א טאג, און ווען ער וועט זיך ארויסווייזען פאר א גאנץ גוטען וועט ער קריגען מעהר.

מוז קענען רעדען אביסעל ענגליש.

זיך מעלדען שריפטליך

Temiskaming General Store
P. O. Box 113
TIMMINS, ONT.
3811—8—10

פערלאנגט פענטס פרעסערס צו קאס־טאם ארבייט. סטעדי ארבייט א גאנץ יאהר צום ריכטיגען מאן מוז זיין א פוירסט קלאס. קיינע קאליקעס זאלען זיך מעלדען.

פרעגען זשורנאל באקס 80.

3805—4—10

פערלאנגט אפערייטארס פאר מיליטערי־שע העמדעס אונד מיידלאך פאר פינישערינס וועלכע קענען נייען ביין האנד נאכפרעגען 284 קינג וועסט. הענדערסאן ענד מענג־באט.

פערזיגעלטע טענדערס אדרעסירט צום אונטערצייכענטען און אינדאסירט „טענדער פאר עקזאמינינג ווערהויז פי־טינגס, פארט וויליאם, אנט." וועט ער־האלטען ווערען אין דיעזען אפיס ביז 4 נאכמיטאג, דאנערשטאג, אקטאבער 14, 1915 פאר דער דערמאהנטער ארבייט.

טענדערס וועלען ניט גענומען ווערען אין אנבעטראכט סיידען זיי זיינען גע־מאכט אויף פארמס וועלכע זיינען בע־זארגט פון דעפארטמענט און אנקלאנג מיט די קאנדיציאנען וואס געפינען זיך אינוועניג.

פלענער און ספעציפיקיישאנס קען מען זעהען ווען מען ווענדעט זיך צו מר. דזש. סי. סטיינסאן, קלוירק אף ווארקס, פארט וויליאם, אנט. מר. טהאס, א. האס־טינגס, קלוירק אף ווארקס פאסטאל סטיישאן, „פ" טאראנטא, אנט. און אין דעפארטמענט אף פובליק ווארקס, אטטאווא.

יעדער טענדער מוז זיין בעגלייטעט פון אן עקצעפטירטען טשעק אויף א טשאר־טערד באנק, צאהלבאר צום ארדער פון האנארייבל דער מיניסטער פון פאבליק ווארקס, אויף 10 פראצענט פון דער סומע פון טענדער.

ביי ארדער
ר. ס. דעראשער
סעקרעטער.

דעפארטמענט אף פאבליק ווארקס,
אטטאווא, סעפטעמבער 24, 1915.
85353.

א קצור פון די נארטה וועסט לאנד געזעצע.

דער עלטערער פון דער פאמיליע אדער עני מאן איבער 18 יאהר אלט, וועט קענען בעקומען א פערטעל אבטהיילונג פון דאמיניאן לאנד אין מאניטאבא, סאסקאטשעוואן אדער אלבערטא.

דער פארשלאג דארף געמאכט ווערען אין די דאמיניאן לענד אייזשענסי אדער סאב אייזשענסי פון דיסטריקט. און אפליקיישאן קען געמאכט ווערען אין אפיס פון דאמיניאן לענד אייזשענסי פון לאקאל (ניט סאב אגענט) אויף געוויסע קאנדיציאנען.

פליכטען — 6 מאנאטען אויף בעארבייטען די לאנד אין יעדער דריי יאהר. א הויז בעזיצער קען וואהנען 9 מייל ווייט פון זיין פלאץ אויף א פארם פון ניט ווינציגער ווי 80 אקער לאנד אויף געוויסע קאנדיציאנען. א הויז איז נויטווענדיג אין יעדען פאל סיידען ווען דערוואוינונג איז אויף זעלבען פלאץ.

אין געוויסע דיסטריקטען א האמסטידער וועלכער איז אין גוטע אומשטענדען קען קריגען א פערטעל האמסטעד ארום זיין פלאץ פיר דעם פרייז פון 3 דאלאר א אקער.

פליכטען — 6 מאנאטען וואהנען אויף'ן פלאץ און יעדען זעקס יאהר ווען די האמסטעד געהט אריין אין קראפט (שוין אריינרעכענדיג די צייט פון דער ענטרי) 50 אקער עקסטרא פיר בעארבייטען די צייט פיר קולטיווירען איז אבהענגיג אין קיום אויב אויסגעפינען דא דער פלאץ איז זאמדיגער אדער א שטיינענדיגער נאכדעם ווי רעפארט צו האמסטעד אינספעקטאר.

א פארמער וועלכער האט בעארבייט זיין פארם און האט פון איהר קיין רעזולטאטען קען נעהמען לאנד און וועלכען דיסטריקט ער וויל פאר 3 דאלאר אן אקער.

פליכטען — מוז זיצען 6 מאנאטען און יעדע 3 יאהר בעארבייטען 50 אקער און אויסבילדען א הויז און ווערטה פון $300.

וו. וו. קארי.

דעפוטי מיניסטער אף אינטעריאר

נ. ב. ניט אויטאריזירטע פובליקאציעס פון דעם אדווערטייזמענט וועלען ניט בעצאהלט ווערען.

— 87088

פרנסה

פון א. קלאטשקע

(אויס דעם העברעאישען)
פון פ. בורסקי.

און אזוי וועל איך דיר דערצעהלען דעם עיקר המעשה, איך וועל קיין סך ניט ריידען. גענוג ווען איך וועל זאגען אז איך האלט ביים ווערען אן אפטייקער, און פאר ווער מען זאל איך מיין הארץ אויס ריידען אויב ניט פאר א פריינד? נאר דער וועלכער ווייס מיין ערציהונג, מיין פאטערס הויז, נור דו קענסט מיך פערשטעהן. אז איך וועל דיר וועלען דערצעהלען פון אלעס וואס מיט מיר האט פאסירט פון זינט דו האסט מיך געזעהען צום לעצטען מאל וועט מיר קיין צייט ניט סטייען, דערפאר וועל איך דיר דערצעהלען נור פון דער געגענווארט.

דאס לעצטע מאל, ווען דו האסט מיך געזעהען האב איך געהאט א טאבאק געשעפט און ווען ניט מיין שותף וועלכער האט זיך געהאלטען פאר א מבין און האט מיר געמאכט אומזיסטע הוצאות וואלט איך זיך גאנץ פיין געקענט דורכלעבען און אויב איך וואלט קיין גביר ניט געווארען, וואלט איך אבער יעדענפאלס געקענט לעבען רוהיג, ווי עס ווייזט אויס אבער איז מיר בעשערט געווען צו פערלירען מיין געלד מיט יסורים און הארץ־וועהטאג און איך בין פערבליבען ווי מען זאגט מיט'ן שטעקעל.

ארום א האלב יאהר בין איך ארומגעגאנגען לעדיג, זוכענדיג עפעס א פרנסה און פלוצלונג האבען זיך אין מיין שטעדטעל מיט אמאל געעפענט דריי אפטייקען. איבערנאכט זיינען זיי אויסגעוואקסען. עס האט אויסגעוויזען אזוי ווי דער פרנסה בוים פון אונזער שטעדטעל האט ארויסגעבראכט א נייעם צווייג: אפטייקעריי.

נאטירליך, האט מיר גלייך פערדראסען ווארום איך בין אויך ניט קיין אפטייקער אבער עס איז שוין געווען צו שפעט, האב איך דעריבער בעשלאסען צו עפענען אן אפטייק אין דעם דערבייאיגען שטעדטעל. אביסעל געלד האב איך ארויסגעראטעוועט פון מיין שעהנעם טאבאק געשעפט אביסעל האט מיר מיין שווער געגעבען און אין א שעהנעם פריהמארגען האב איך זיך איבערגעקליבען אהער און געעפענט אן אפטייק.

ווי עס ווייזט אויס האט מיר דער מזל א שיין געטהאן.

אלע מיינע שוואגערס (פינף שטיק, זייען זיי אלע סטודענטען. דער עלטערער האט שוין אפילו געקראגען זיין דיפלאם אלס אפטייקער אבער זאגאר די קלענערע קענען די מלאכה) אלע מיינע שוואגערס זיינען גרויסע בריות און וואוהין זיי קעהרען זיך נור, בעגליקען זיי. איך האב נאך אין מיין לעבען ניט געזעהן אזעלכע גאלדענע הענד, און די ארבייט פון צוגרייטען רעצעפטען ווייסטו דאך איז ניט קיין ארבייט, נור פעהיגקייט, ניט מעהר, עס פערשטעהט זיך, אז מיין שווער האט מיר צוגעזאגט צו שיקען איינעם פון זיינע בנים ער זאל מיר העלפען די ערשטע צייט און אויסלערנען מיך די תורה. וואס זאל איך דיר לאנג דערצעהלען? א מיתה משונה זאל קומען אויף יענעם וואס האט אויסגעטראכט אט דיעזע ארבייט.

הכלל, איך האב געמאכט א גרויסע, שעהנע קראם אין מיטען שטאדט, האב איינגעקויפט אלעס וואס אן אפטייק פאדערט און מיין שוואגער איז געקומען. בערעלע, דער יונגסטער פון זיי איז געקומען.

ווען איך האב פערלאזען מיין שווערס הויז, פינף יאהר נאך מיין חתונה איז בערעלע געווען א אינגעל, צוועלף יאהר אלט און יעצט זעה איך א בחור ווי א סאסנע, געקליידעט נאך דער לעצטער מאדע, מיט א קאלנער, מיט א געפרעסטער העמד, א גאנצער פראנט — בערעלע! און ווי שטאלץ ער איז, און רינגען טראגט ער אויף די פינגער. דאס אלעס — זאגט ער — פאדערט די מלאכה.

איך האב געלאזט פאר איהם די קראם, בין געשטאנען פאר איהם ווי א שקלאף ער האט געהאנדעלט מיט די קונים, האט בעשטימט די מקחים און איך האב איהם וואסער געגאסען אויף די הענד. אלעס איז געגאנגען גוט און איך האב זיך געטראכט יעצט וועל איך זיך אביסעל אפרוהען פון מיין קאפ דרהעהעניש! אבער מיינע שוואגערלאך! דו קענסט דאך זיין בערעלע האט ליעב צו שפילען אין שאכמאט איך האב נאך אין מיין לעבען ניט געזעהען א מענש זאל זיין אזוי פערקאכט אין שאכמאט ווי ער. ביי איהם איז רעכט א גאנצען טאג ניט עסען און ניט טרינקען און שפילען שאכמאט. אלע מיינע טענות האבען ניט געהאלפען. ער זאגט איינס. אלע אפטייקערס שפילען שאכמאט. וואלט עס כאטש זיין אין דער לעדיגער צייט, וואלט איך געשוויגען, אבער ער שפילט א גאנצען טאג. ווען א קונה פלעגט אריינקומען פלעגט מען איהם ניט קענען אבריידען פון טיש, אזוי ווי ער וואלט געווען צוגעקוועטשט צו איהם מיט צוועקעס. ווי מיין נאז האט דאן ניט געפלאצט ווייס איך ניט. אויך מיין פרוי — זיין שוועסטער — האט מיט איהם געפרובט טענה'ן — עס איז געווען ארויסגעווארפען, האב איך עס געשריבען צו מיין שווער.

אין א שעהנעם פריהמארגען איז בערעלע אוועקגעפאהרען אהיים און עס האט לאנג ניט געדויערט און אויף זיין ארט איז געקומען זיין ברודער משה'לע, אויך אן אפטייקער. משה'לע דאס איז שוין איין מאל אן אנטיקעל. ער איז אבער ניט אזוי לייכטזיניג ווי זיין ברודער און אויך קלינער פון איהם. אבער ער האט זיך זיין „טירוף". דו ווייסט דאך, אז אלע מיינע שוואגערס זיינען גרויסע בריות, נור יעדער פון זיי האט זיך זיין ,טירוף". און משה'לע איז אן עקשן און א כעסן זאגסטו איהם יאין ווארט, ווערט ער אן אנגעצונדענער, נעהמט שוין זיין שטעקעל און ניטא איהם!

וואס זאל איך דיר זאגען, איך האב זיך צו איהם אויך אונטערגעגעבען! און אנדער ברירה האב איך געהאט? עס איז מיר א שאנדע, איך מוז אבער מודה זיין אז איך פערשטעה נאך יעצט אויך ניט די ארבייט — אפטייקעריי. די דריי טעג וואס עס האט גענומען ביז בערעלע איז אוועק און משה'לע איז געקומען זיינען ביי מיר געווען ווי הונדערט יאהר. גאט האט מיר געהאלפען און אין דיעזער קורצער צייט איז אפילו קיין איין רעצעפט ניט געווען צו מאכען, אבער אז איך ווייס דאך ניט קיין חילוק פון חינע ביז פודרע. שא, וואס דארפסטו מעהר, אנומעלטען איז געקומען דער נאטאריוס פון שטאדט אין אפטייק. ער אליין איז געקומען, איז מיינער א גוטער פריינד און א גוטער מענש, ער וויל קויפען ביי מיר נאשאטירנעם ספירט, ארויסצונעהמען פלעקען פון א קלייד און איך האב איהם געגעבען קאלא־דאם. קענסט זיך אליין פארשטעלען וואס פאר א פנים דאס קלייד האט בעקומען נאך'ן וואשען. ווען דער נאטאריוס איז אויף מארגען געקומען צו מיר מיט טענות, וואלט איך זיך ליעבערשט בעגראבען פון שאנדע. שטעל זיך פאר דער נאטאריוס!

הכלל, איך האב גאט געדאנקט, ווען משה'לע איז געקומען צו פערנעהמען בערעלעס ארט. האט זיך אנגעהויבען א נייע סדרה, משה'לע! קיינער פון מיין פאמיליע האט ניט געטארט ארויפגעהען אויף דעם שוועל פון מיין קראם. ארדנונג, ריינליכקייט און שטילקייט, איז דאס ערשטע וואס משה'לע האט געפאדערט. אפטייקעריי פאדערט דאס אלעס — האט ער געזאגט. איך האב ניט געטארט קיין הויכע שטימע אויפהויבען, ווער רעדט שוין אידיש, דאס איז גאר טריף. איך האב געמוזט זיין פארזיכטיג ניט אנצוריהרען די פלעשעלאך און די גלעזעלאך, ניט ריהרען זיי פון ארט, וואו משה'לע האט זיי אוועקגעשטעלט, נור דעם אמת מוז איך זאגען, קונים זיינען צוגעקומען. דער דאקטאר זעליגמאן — דער שטאדט דאקטאר — וועלכער האט מיר שוין פון לאנג געוואלט העלפען, האט אנגעהויבען שיקען צו מיר זיינע רעצעפטען.

מיט איין ווארט, איך האב אנגעפאנגען זעהען ברכה אין מיין אפטייק. אבער „עס איז בעסער איין לעפעל פון גאט איידער א פולער הויפען פון מענשען." איך האב קיין מאל ניט פערשטאנען די ריכטיגקייט פון דעם ווערטעל ווי יעצט. בעסער האקען שטיינער און זיין פריי איידער זיין אן אפטייקער און זיין א שקלאף, מיר, אידען, זיינען א געדולדיג פאלק און דאך ביז איך אם ענדע ארויס פון געדולד און האב אנגעריהרט משה'לעס כבוד. וואס זשע האט משה'לע געטהאן? געכאפט זיין שטעקעל — און ניטא! ער טענה'ט זיינס: ער וויל מיט מיר ניט האבען קיין געשעפטען! שטעל זיך פאר מיין לאגע: דא ליגען צעהן רעצעפטען וואס מען דארף זיי צוגרייטען און צעהן רעצעפטען מיינט פינף רובעל און משה'לע איז איינגעזונקען געווארען. וואס זאל איך טהאן? איך בין שוין מוחל די פרנסה דערפון — כאטש פינף רובעל וואלגערען זיך ניט אין גאס אבער די שאנדע דערפון. וואס זאל איך ענטפערען מיינע קונים? דאס זיינען דאך רעצעפטען, קראנקע מוזען עס האבען. וואס זאל איך דיר פיעל דערצעהלען? אז מיין נאז האט דאן ניט געפלאצט, בין איך שטארקער פון אייזען. ווי א פייל ארויס בין איך געלאפען צו דאקטאר זעליגמאן. איך דערצעהל וואס עס האט געטראפען און רייס די האר פון קאפ, איך האב געוואוסט אז ער וועט מיר העלפען, און אזוי איז טאקי געווען. ער האט אנגעפאנגען צו לאכען, איז אריין צו מיר אין קראם און האט זיך גענומען צו דער ארבייט. אבער — איין צרה שלעפט מיט נאך א צרה נאך זיך!

ניטא אין אפטייק קיין רפואות. וואו זיינען אלע קרייטיכער? פרעגט דאקטאר זעליגמאן און איך שטעה אזוי ווי דער שאינו יודע לשאול אין דער הגדה, קוק ווי א האהן אין בני אדם אויף די פלעשלעך אויף די גלעזלאך, קראץ זיך אין פאטילניצע, איך געה ארום אין קראם הין און צוריק אזוי ווי איך וואלט עפעס געזוכט. איך פלאפל לאטיינישע ווערטער און ווייס ניט וואס צו טהאן. קען זיין משה'לע האט אויף להכעיס צוגענומען אלעס אדער עס איז גאר קיין מאל אין קראם ניט געווען, ווער ווייס?

וואס זאל איך דיר זאגען? איך האב טאקי יעצט געזעהען דעם חילוק צווישען א „נאש בראט" און א געניטען דאקטאר. אין איין שטונדע ארום זיינען די רפואות געשטאנען אויף אן ארט און די צעטעלאך זיינען געווען אנגעקלעפט אויף אלע פלעשלעך און גלעזלאך. פינף מזומן'ע רובעל! איך בין ניי בעלעבט געווארען. פרעגט ניט וואס איז געווען אין דיעזע פלעשלאך, איך ווייס ניט, איך ווייס נור, אז דער דאקטאר האט געהייסען שטעלען דעם סאמאוואר, האט געמישט טהעע מיט עפעס א וואסער, די ארבייט האט געברענט אונטער זיינע הענד. דו מוזט וויסען אז דאקטאר זעליגמאן האט א גרויסע „פראקטיק" און האט קיין צייט ניט צו שטעהן פיעל אין מיין קראם. איך וועל איהם קיין מאל ניט פערגעסען די טובה וואס ער האט מיר געטהאן. ער איז מיר און אלגעמיין א גוטער פריינד און איהם פערדריסט וואס איך קען ניט די מלאכה גרינדליך.

הכלל, די פראגע איז יעצט געווען, וואס זאל איך ווייטער טהאן? איך קען דאך אהן משה'לען אפילו א מינוט ניט זיין. איך בין געגאנגען זוכען איהם אין שטאדט, איך האב אויסגעזוכט אין דער לענג און אין דער ברויט, ביי אלע זיינע פריינד, מיט וועלכע ער פלעגט שפיעלען אין ביינדלאך (איך האב דיר פערגעסען צו דערצעהלען, אז ער איז פערקאכט אין ביינדלאך) אבער משה'לע איז ווי איינגעזונקען געווארען. אם ענדע איז מיר אריין א געדאנק, איך זאל געהן צום וואקזאל — און משה'לע זיצט און ווארט אויף דעם באהן. וויל אפילו ניט קוקען אויף מיר איך בין געלאפען צו מיין ווייב — זיין שוועסטער — זי האט זיך געבעטען ביי איהם, און ער טענה'ט איינס :— ער וויל זיין בעל הבית אין קראם. איך האב געדאנקט גאט וואס ער האט כאטש אנגעפאנגען צו ריידען. איך האב איהם מיט אלע שבועות געשווארען, אז איך וועל מיט א פינגער אפילו ניט ריהרען, ער וועט זיין דער בעל הבית, ער און ניט קיין אנדערער.

אט אזוי איז די לאגע יעצט. איך האב שוין מעהר קיין כח ניט. איך קען עס שוין מעהר ניט פערטראגען. איך בין דאך ניט חלילה קיין שלים מזל אדער א קאליקע. איך האב מיין גאנצען לעבען געהאנדעלט אויסער א טאבאק געשעפט, האב איך אויך געהאט א געוואנד געשעפט, פון וועלכען איך האב געהאט פרנסה בכבוד, דאס וואס די צייט איז אוועק שלעכט, דאס איז דאך א גאט זאך. איך האב זיך ניט בעקלאגט! איך האב געהאט א מיהל, דאס יאהר אבער איז געווען א שלעכט יאהר, עס איז ניט געווען וואס צו מאהלען, האב איך דאך ניט מרעיש עולם געווען. דאס איז מן השמים. ניט אזוי אבער איז יעצט. איך פיהל אז מיינע קרעפטע פערלאזען מיך די אפטייק וועט מיך אין דער ערד טרייבען. מען האט מיך אריינגעווארפען אין א כף הקלע. מען רעדט מיט מיר א שפראך, וועלכע איך פערשטעה ניט, איך האב מיין גאנץ פערמעגען אריינגעלעגט אין קראם און בין דארט קיין בעל הבית ניט, און משה'לע געהט ארום אין קראם אזוי „כמלך בגדוד" און קיינער טאר קיין הויכען ווארט ניט זאגען, און דער סך הכל? פרוטות, פרוטות און ניט מעהר! איך האב הוצאות צעהנדליגער רובעל און זעה מעהר ניט ווי פרוטות. איך בעט דיך, האב רחמנות און גיב מיר אן עצה וואס צו טהאן. דו ביזט אין א גרויסער שטאדט און געוויס ווייסטו פון עפעס א שטיקעל געשעפט פאר מיר. איך וויל נור א פרנסה וואס זאל זיין אבהענגיג פון גאט, ניט פון מענשען. האב רחמנות!

ווען איך האב געענדיגט דיעזען בריעף האב איך זיך דערוואוסט, אז צו מיין אונגליק האלט דאקטאר זעליגמאן ביי פערלאזען די שטאדט. איך לאז דיר עס וויסען שנעל, טאמער איז ביי אייך אין שטאדט פאראן א דאקטאר וועלכער וואלט געווען וויליג צו בעזעצען זיך אין אונזער שטאדט. יעצט איז ביי אונז דער צוגרייטען רפואות דער עיקר פרנסה און אם ווענדעט זיך אן דעם דאקטאר. דא איז אויך פאראן אן אפטייק, אבער דאקטאר זעליגמאן שיקט זיינע רעצעפטען צו מיר. אויב דו וועסט געפינען א פאסענדען דאקטאר, זאג איהם, אז דורך מיין הילף קען ער דא אויך קריגען א שטעלע פון רבנות.

פערלאנגט וואטשמייקערס צו ארבייטען ביי נייע סוויס וואטשעס גוטע ווידזשעס פאר ריכטיגע לייט—שטענדיגע ארבייט.

פרעגען: וויינבערג אין זשורנאל.

3807—10—4

פערלאנגט אפערייטארס און בושלערס צו פענטס.

די פאנטשארד בירעל קאמפאניע.

549 קינג סטריט וועסט.

3813—10—8

עקספרעסען און שווערע וועגענס.
ווי אויך פוירסט קלאס קערידזשעס פיר התונות צו רענטען. פרייזען פון $1.00 ביז $1.75 יעדער. ספעשעל פרייזעס פיר לויות.
האלנרייווס ליווערי 11 גרענדוש עוו.
פאן קאלעדזש 4953.

אלט ניילאנד

ראמאן

פון טהעאדאר הערצל.

אויב איהר ווילט איז דאס
ניט קיין בבא מעשה.

(18־טע פארזעצונג)

די סוחרים פון מיטעלען אופן האבען דער שפירט, ווי געפעהרליך עס זיינען פאר זיי די גרויסע מאגאזינען צו זאל מען די גרויסע מאגאזינען מיט געוואלד צומאכען? הויבט זיך אן די פראגע, וואס הייסט ביי א געשעפט "גרויס". זאל מען פון זיי נעהמען גרויסע אבגאבען? וואס קענען דער מיט געהאלפען ווערען די קליינע קרע־מערס! דאס פובליקום דערוויל וויל און דארף די גרויסע מאגאזינען, וואו מען קויפט איין אין א קורצע צייט אלץ וואס מען דארף צו בעסטע אגולגע פרייזען. דער פאבריקאנט ליפערט דעם גרויסען ווארעמאגאזין ביליגער, ווי דעם קליינעם סוחר. קורץ, די היינטיגע פאבריקאציע וואס פאבריצירט מאסענוויוז, מוז האבען אזעלכע געשעפטען, וואס זעצען אב דיא סחורה מאסענווייז. איינס איז געבונדען מיט'ן צווייטען. ביי אונז אבער האבען מיר קיינעם ניט געדארפט רואינירען ווייל דאס סוחרישע לעבען האט ערשט אויפגעבליהט. דאס איינפיהרען פון גרויסע מאגאזינען איז נאר געווען ביי אונז פערקניפט מיט דעם צוועק צו בעפרייען דעם גוף און די נשמה פון אונזערע קלענערע בעלי הבתים פון אזעלכע סוחרישע אונטערנעהמונגען, וואס קענען ניט געבען קיין רוחים און ברענגען נאר שאדען פאר דעם כלל."

בשעת דוד האט אזוי ברייטלאך גע־נובען ערקלערונגען, זיינען די דאמען גע־ווארען אונגעדולדיג. מען וועט פערזאמען דעם אנפאנג פון דער אפערע. אבער קינגס קאורט איז געוועזען נאך אלץ ניט צופריע־דען, און בעת ער האט אויסגעשטרעקט זיינע גרויסע רויטע הענד צו דער פערקוי־פערין, וועלכע האט זיך געמאטערט איהם אנצופאסען א פאאר הענדשקעס, האט ער געפרעגט:

"מיר איז דא עפעס ניט קלאהר אין אייערע רייד, שרה'לע מיינער! אמת היינט זעה איך ביי אייך א סוחרישען לע־בען. וואס קאכט. אבער דאס איז דאך ניט געקומען אויף א מאהל. מען האט דאך ניט אויפגעבויט אט די ווארענפאלאצען אויף א נאקעטער ערד און פלוצלונג זיינען אנגעפאלען די קונדען, ווי די היישעריקען. אזעלכע מעשות קענט איהר דערצעהלען אייער קליינעם פריץ, אבער ניט אזא אל־טען מענשען ווי מיר."

ניין, מיסטער קינגסקאורט, אזוי מיט אמאל איז דאס ניט געווארען. אלצדינג האט זיך ביי אונז ענטוויקעלט פאמעלאך און אויף'ן נאטירליכען אופן. בשעת מען האט אנגעהויבען מאסענוויוז איינצוא־ווארען אהער זיינען מיט איטליכען טאג געוואקסען די פאדערונגען אויף אלער־ליי ווארענארטיקעל. מיר האבען נאך דאמאלסט נאר ניט פאבריצירט און אלץ געדארפט קויפען. דער מצב אונזערער איז אלעמאל געווען בעקאנט, ווייל די אידישע קאלאניזאציע פון פאלעסטינא איז ניט געווען קיין סוד־מעשה און עס האט גע־קלונגען דערמיט די וועלט. דעריבער האבען זיך דיא גרויסע אייראפעאישע ווארענמאגאזינען געאיילט צו עפענען דא ברענטשעס. ניט נאר אידען האבען בע־נוצט די געלעגענהייט אבצוזעצען זייערע לאגער סחורה; אפילו דייטשע, פראנ־צויזישע ענגלישע און אמעריקאנער מאגא זינען זיינען בעשאפען געווארען ווי מיט דעם קוק. צוערשט האט מען נאר אויפ־געבויט באראקען (הילצערנע בנינים). שפעטער, בשעת די פאדערונגען אויף אלערליי ארטיקלען זיינען נאך גרעסער געווארען, בשעת די אנגעפאהרענע הא־בען בוסלעכצווייז אנגעהויבען זיך פעסט צו בעזעצען און זייער מצב האט גענומען שטייגען, האבען זיך אומגעוואנדעלט דיא באראקען אט אין די שטיינערנע ווארענ־פאלאצען, וועלכע איהר זעהט היינט. די נייע געזעלשאפט האט זיך שטארק געהיט זיי צו דריקען און צו מאכען זיי שווער די לייזונג. גראדע פערקעהרט, מען האט זיי נאך געשטיצט, ווייל זיי האבען אונז גע־בראכט א דאפעלטען נוצען. ערשטענס האבען מיר צוליעב זיי די מאסענארטיק־לען נעקראגען גיך און ביליג, צווייטענס האבען די ריעזענמאגאזינען ניט דערלא־זען, אז עס זאל זיך ענטוויקלען די קליינע קרעמעריי און פעדלעריי. מיר האבען ניט געוואלט זיין א פאלק פון קרעמערס."

"אין דער אמת'ן? חוץ די ווארענ־מאגאזינען איז גאר ניט דא ביי אייך קיין הענדלערס?"

עס געפינען זיך שוין אזעלכע. דיא מענשען לעבען דאך ביי אונז ניט לויט בעשטימטע רעגעלען. מיר טיראניזירען קיינעם ניט. איטליכער טהוט וואס ער וויל. די טהייערסטע און די וואלוועס־טע ארטיקעל, ווי למשל, שמוקזאכען און אלטווארג, ליגען אין די הענד פון מיר־טעלערע און קלענערע הענדלער. אבער די הענדלער זיינען ניט לויטער אידען. גרע־קען, לעוואנטינער, ארמעניער, פערזער בעשעפטיגען זיך מעהרסטענטהיילס מיט דעם קליינעם האנדעל, מעהר א סך פאר די אידען, וועניגסטענס פאר די אידען וואס געהערען צו אונזער נייען געזעל־שאפט?!

"וואס? צו זיינען דא אזעלכע אי־דען, וועלכע געהערען ניט צו אייער גע־זעלשאפט.

"יא... אבער איצט וועלען מיר שוין געהן". דוד האט געפרעגט די פער־קויפערין. "וואס קאסטען די הענדשקעס פון די ביידע הערען?

— זעקס שקלים.

קינגסקאורט האט פערוואונדערט גע פרעגט:

"דער טייוועל! זאל דאס נעהמען! וואס איז דאס?"

דוד האט געשמייכעלט:

'אונזערע געלדמינצען. מיר האבען די אלטע אידישע מינצע ניי טאקסירט און איינגעפיהרט. א שקל האט די ווערדע פון א פראנצויזישען פראנק. אזוי ווי איהר האט ניט קיין היגע געלד, וועט איהר מיר ערלויבען צו בעצאהלען פאר אייך.

ער האט א ווארף געטהאן א גאלדענע מינצע אויף'ן קאסע טיש, געקראגען עט־ליכע זילבערנע מטבעות רעשט, דערנאך האט זיך די גאנצע קאמפאניע געלאזען צו דעם אויסגאנג.

קינגסקאורט האט מיט א מזר'שען ווינק א קניפ געטהאן דוד'ן אין ארם און האט פריינדליך א זאג געטהאן: — דאס געלד האט איהר ניט אבגעשאפט אין זייער געזעלשאפט. איך וואלט דאס אויף אייך טאקי גאר ניט גערעכענט."

דוד, וועלכער האט זיך שוין צוגע־וואהנט צו דעם אלטענס ארט רעדען, האט געענטפערט אין דעם אייגענעם טאן:

"ניין, מיין טהייערער קינגסקאורט, ווי קען מען זיך דאס מיט געלד שיידען. ערשטענס, זיינען מיר דאך עפעס אידע־לאך קמצנים, וועלכע פגר'ן פאר א סענט. און צווייטענס איז געלד טאקי א גאנץ גו־טער מיטעל. ווען מען וואלט דאס ניט לאנג אויסגעטראכט וואלט א יושר גע־ווען דאס צו ערפינדען."

יונגערמאן, אייערע רייד זיינען ביי מיר ווי פון הארצען גענומען. איך האב אלעמאהל געזאגט: דאס געלד איז א וואוילע זאך. די מענשען האבען דאס נאר פערמאוסט.

— 6 —

די אוווערטורע איז שוין געווען גע־ענדיגט, בעת זיי זיינען אריין אין דיא לאזשע. די דאמען האבען זיך האסטיג גע־זעצט אויף זייערע פלעצער, ווייל מען האט שוין אנגעהויבען צו קוקען אויף זיי פון פארטער. פריעדריך און קינגסקאורט הא־בען געקוקט אויף דעם געפוצטען פראכטי־גען טהעאטער מיט גרויס התפעלות. און עס איז געווען אויף וואס! דאס טהעא־טער האט מען געבויט פינף יאהר, און די נייע געזעלשאפט האט געשטיצט מיט מיטלען. א געוועהנליכעס טהעאטער ווערט פארטיג אין א יאהר צייט, אויב עס קלע־קען נאר די צאהל שותפים ביי דער אונ־טערנעמונג.

אין דער לאדזשע דערביי זיינען גע־זעסען צוויי געפוצטע דאמען, מיט גוזא שמוק. איינע איז שוין געווען א בע־יאהרטע, די אנדערע א יונגע און צוויי־שען זיי אן עלטערער הערר. זיי האבען זעהר הכנעה'דיג זיך פערניגט פאר דוד'ן און פריעדריכען האט זיך אויסגעדאכט, אז דוד איז ניט שטארק צופריעדען געוועזן מיט דער בעקאנטשאפט. די עלטערע דאמע און דער הערר האבען זיך איהם אויסגערוכט בעקאנט, ער האט זיי פאר א יאהר צוואנציג געמוזט עפעס ערגעץ וואו זעהען.

'ווער זיינען דאס?' האט פריעדריך שטיל געפרעגט.

דוד האט געצוקט מיט די אקסלען:

"א הערר לאשנער מיט דער פרוי און טאכטער.'

— לאשנער! דער רייכער בערזענ־סוחר פון וויען! פריעדריכען האט פלוצ־לינג זיך אויסגעמאהלט דער אוונעד פון ערנעסטינעס לעפלערס תנאים. די ערינ־נערונג האט איהם געפייניגט און זיך אויס־געדראכט אזוי נאריש.

'איך מוז אייך זאגען, אויף די האב איך מיך דא ניט גערעכנט."

זיי זיינען טאקי געקומען דאמאלסט ווען אלץ איז שוין געווען פערטיג. האט דוד געענטפערט. — מען געפינט היינט דא אלע בעקוועמליכקייטען, ווי אין דיא גרעסטע שטעדט אין אייראפא. מען קריגט אבער אויך די זעלבע אונכבוד ווי דארטען, ווען מען איז אזא פויגעל, ווי א לאשנער. מיר האבען ניט אבגעשאפט דאס געלד, מיסטער קינגסקאורט, אבער געלד שפיעלט שוין ניט היינט די הויפט־ראלע. די מיטגליעדער פון דער נייער געזעלשאפט זיינען אין עקאנאמישער הינ־זיכט אונאבהענגיג, און ביי זיי איז ניטא דער רעספעקט פאר רייכקייט און רייכע לייט. הערר לאשנער קען רייך זיין ווי קרח, קען ווארפען מיט געלד אויף אלע זייטען, קיינער ציהט פאר איהם דאס הי־טעל ניט אראב. אבער וואלט ער נאר געווען אן אנשטענדיגער מענש, דאמאלס וואלט מען איהם שוין געאכטעט. מיר פאדערען פון איטליכען, אז ער זאל פיה־לען מיט'ן כלל און טהאן פאר'ן כלל. ער אבער איז אפילו ניט געווארען קיין מיט גליעד פון דער געזעלשאפט. ער האט ניט געוואלט נעהמען אויף זיך די חובות, ער וויל ניט וויסען פון קיין פליכטען. דע־ריבער לעבט ער ביי אונז ווי א פרעמדער. ער קען טהאן וואס ער וויל, ווי אן אנדער גר, אבער צו די חשובים געהערט ער ניט ביי אונז. דאס דארפט איהר אליין פער־שטעהן."

"צו איך פערשטעה דאס!" האט קינגסקאורט געברומט און ער האט מיט א שטעכעדיגען בליק א קוק געטהאן אויף די דערבייאיגע לאזשע.

עס האט זיך אויפגעהויבען דער פאר־האנג. אויף דער סצענע האט מען גע־זעהען דעם טומעל פון פראסטען המון און דעם פאלשען נביא, ארומגערינגעלט פון זיינע שבתי צביניקעס. קינגסקאורט האט געבעטען מרים'ען, אז זי זאל איהם דער־צעהלען די היסטאריע פון שבתי צבי, בכדי ער זאל קענען פערשטעהן די אפערע.

דאס יונגע פריילין האט איהם שטי־לערהייט דערצעהלט:

(פארטזעצונג פאלגט)

בילדער פון שלאכט פעלד

א וואהנזיניגע מלחמה־כלה

אין א דארף נעבען נעאפעל לעבען צוויי ליעבענדע הערצער. סיניאריטא מאריא קאלאני און סיניאר יליפי בארנאסא בייד רע שעהן און ליעבליך ווי די זונן אויפגאנג און זונן אונטערגאנג פון זייער פאטער־לאנד. ביידע זיינען אין דעם זעלבען דארף געבוירען און ערצויגען געווארען. ביידע האבען בעזוכט די זעלבע דארף שוהלע צו אמען געגאנגען און געקומען פון קירכע צוזאמען זיך געשפיעלט, געלאכט, גע־טאנצט, פערבראכט זייער קינדהייט און יוגענד.

ווען זיי זיינען עלטער געווארען און שוין געארבייט אויף די פעלדער פון זייערע עלטערען פלעגען זיי צוזאמען געהן און קומען פון דער ארבייט, נאך סאפער פלעגט דאס פארעל שוין זיין אין וואלד זי פלעגט מיט איהר זיסע קלינגענדער שטימע זינגען פאלקס ליעדער און ער פלעגט שפיעלען אויף זיין הארמאניקא, און אזוי האבען זיך די נשמות פון דיעזע צוויי דארפס קינדער צוזאמען געוועבט, נאך פון זייערע פריהעסטער יוגענד. ער־קלעהרען זיך אין ליעבע איז דא ניט נוי־טיג געווען. דאס איז אן אמת'ער זיווג פון גאט, פלעגען אלע אין דארף זאגען.

ווען מאריא איז אלט געווארען אכט־צעהן יאהר און פיליפ צוואנציג, האבען די עלטערע זייערע בעשלאסען אז עס איז צייט זיי זאלען ווערען חתן כלה.

מיט א יאהר שפעטער איז פיליפי אב־גענומען געווארען אין מיליטער און אוועק אף רוים דיענען. ווען די מלחמה געגען עסטרייך האט אויסגעבראכען איז פיליפס רעגימענט געארדערט געווארען צו געהן אין שלאכט, פיליפי האט אפילו אין דיא שטארקסטע מינוטען פון קאמפף ניט פערגעסען אין זיין מאריא, געשריבען צו איהר אזוי אפט ווי ער האט נאר געקאנט. איין טאג האט מאריא ערהאלטען פון איהם א בריעף אין וועלכען ער לאזט איהר וויסען, אז ער האט געקראגען אורלויב צו פאהרען אהיים חתונה האבען מיט איהר. ער האט זי געבעטען צו מאכען אלע נוי־טיגע פארבערייטונגען אז מען זאל ניט דארפען פערליערען קיין צייט, ווייל דער אורלויב זיינער איז זעהר א קורצער, קוים גענוג פאר דער רייזע און חתונה צערע־מאניע.

מאריא איז געווען איבערגליקליך, דער 3־טער יוני איז געווען דער גליקליכער טאג, ווען איהר פיליפי האט בעדארפט קומען ווערען איהר מאן. אלעס איז גע ווען פארבערייטעט, אין גאנצען דארף איז געווען א יום טוב. די מיידלאך האבען שטארק מקנא געווען מאריאן, די בחורים פיליפען. מאריא איז געזעסען אנגע־טהאן אין איהרע כלה קליידער. איהר פנים האט געשטראהלט פון גליק, איהר יוגענדליכע הארץ האט געקלאפט פון ער־ווארטונג. שטונדען זיינען געפלויגען, אבער פיליפי איז נאך אלץ ניט געקומען. מאריא האט מיט יעדער מינוט גענומען ווערען אלץ אונרוהיגער. אט האט די זון א צובלוטיגטע זיך גענומען ארונטערלאזען אלץ טיעפער און טיעפער און פערגאסען דעם דארף־הימעל מיט בלוט און גאלד. צוזאמען מיט דער זון האט אויך גענומען פערשווינדען די פרעהליכקייט פון דעם פערזאמעלטען עולם. שטום און שטיל איז אלעס געווארען. מאריא איז געזעסען ווי א פערשטיינערטע, און דורך'ן פענס־טער געקוקט אויף דער פערגעהענדער זון. עפע סגלייך ווי זי, די זון וואלט אוועקגע־טראגען איהר גליק איהר ליעבע, איהרע האפנונגען, איהר פיליפ'ן.

אט האט זיך די טהיר געעפענט און דער פאסטמאן פון דארף איז אריין און איבערגעגעבין פיליפס פאטער א פער־זיגלטען בריעף. מאריא איז אדויפגע־שפרונגען מיט א ווילדען געשריי, א כאפ געטהאן דעם בריעף פון אלטענס הענד און שנעל גענומען לעזען, אבער אבער איידער זי איז פערטיג געווארען לעזען דעם בריעף איז זי שוין געלעגען אויף דער ערד און געקרעכצט ווי א פערוואונדעטע ציעג. דער בריעף איז געוועזן פון דעם קריעגס מיניס־טער און געלויטעט ווי פאלגט:

נעעהרטער הערר באגאסי!

אונז טהוט לייד אייך צו זאגען אז דעם 2־טען יוני איז אייער זוהן העלדיש גע־פאלען אין דיענסט פון פאטערלאנד. א פיינדליכע קויל האט איהם געטראפען אין ברוסט און ער איז באלד געשטארבען."

די נייעס וועגען פיליפים טוידט האט נערוובט מאריאס פערשטאנד און יעדען טאג, אזוי שנעל ווי די ערשטע שטראהלען זון טאג ציינען זיך נור, ביז די זון געהט אונטער, זיצט מאריא אין איהרע כלה קליידער ביי דער קליינער דארף קירכע און ווארט אויף איהר פיליפי.

אב. זוסמאן.

עסטרייך שיקט אולטימאטום צו רו־מעניען.

לאנדאן, אקט. 2.

א טעלעגראמע פון אמסטערדאם לוי־טעט דאס עסטרייך האט בדעה צו שיקען אן אולטימאטום צו רומעניען, פאדערנ־דיג א פרייען דורכגאנג מיט אמוניציע קיין טערקיי.

דיעזע ידיעה איז ערהאלטען געווא־רען אין אמסטערדאם פון קאלאן און איז איבערגעשיקט געווארען דורך דער עקס־טשיינדזש טעלעגראף קאמפאני. די טעלע־גראמע דערצעהלט דאס דער אולטימאטום וועט געשריבען ווערען אין א פריינדליכען טאן, און דאס עס וועט געגעבען ווערען אז זי זאל קענען ענטפערען.

קעניג גראטולירט א אידישע פרוי.

לאנדאן, אקט. 2.

דער ענגלישער קעניג דזשארדזש האט געשיקט א בעגריסונג צו מרס. בלוט, א אידישע פרוי אין הארטלפול, דערפאר וואס איהרע זיבען זיהן געפינען זיך אין דער ענגלישער ארמיי און קעמפפען פאר זייער פאטערלאנד.

דער בעסטער מיט

אז אדווערטייזמענטס אין „זשורנאל" ברענגען גוטע רעזולטאטען איז דער פאקט וואס ווער עס דארף אן אר־בייטער, ווער עס האט א ביזנעס צו פערקויפען, ווער עס זוכט א פארט־נער און ווער עס האט א הויז צו פער־קויפען אדער צו פערענטען — אד־ווערטייזט עס אויף דער.

וואנטעד פיידזש
— פון —
אידישען זשורנאל

גיט א קוק אויף די וואנט קא־לומס פון „זשורנאל" און איהר וועט זעהען, אז מיר דרוקען יעדען טאג פיעל וואנט עדס. דאס איז דערפאר, ווייל דער „זשורנאל" איז די איינציגע אידישע צייטונג, וואס ווערט גע־דרוקט אין אנטאריא, ווייל זי ער־שיינט גאנץ פריה, גלייך מיט אלע ענגלישע פייפערס און ווייל אן אד־ווערטייזמענט, וואס ווערט אונז גע־געבען ביי נאכט, ברענגט רעזולטא־טען גלייך אויפ'ן נעקסטען פריהמאר־גען.

אז איהר דארפט ארבייטער, אז איהר ווילט פערקויפען א ביזנעס, אז איהר זוכט א פארטנער, אז איהר האט א הויז צו פערקויפען אדער צו פער־רענטען, אדווערטייז'ט עס אין „זשורנאל".

בעקאנטמאכונג



איך מאך בעקאנט צו אלע מיינע פריינדע און פאטראניזער פון טאראנטא און אומגעגענד דאס איך אטענד צו ברית'ן און חתונות ביי אימער מיט די בעסטע צופריעדענהייט. איהר קענט מיר טעלע־פאנירען אין הויז ווי אויך אין מיין שיפס־קארטען קאנטאר און איהר וועט זיכער צופריעדען געשטעלט ווערען ווייל מיין נאטור קענט איהר אלע איז צופריע־דען צו שטעלען יעדען איינעם אויף'ן בעסטען ארט.

מיין אדרעסע איז 166 דזשאהן סט. טעלעפאן אין הויז ארעליי 1545 און אין אפיס ארלייד 239.

רעוו. מ. קאפלאן
מוהל ומסדר קידושין
איך גיב מערידזש לייסענס פריי.

CANADIAN GOVERNMENT RAILWAYS
INTERCOLONIAL
PRINCE EDWARD ISLAND RY
באנעווענטשור יוניאן דעפא. מאנטרעאל.

אושען לימיטעד	געהט אב 7.25 נאכמיטאג	טעגליך

מאריטים עקספרעסס
טעגליך, אויסער שבת. 8.15 מארגענס
סליפערס פאר דער גאנצער רייזע.
מאטרפא, און האליפאקס
קאנעקשאן פאר סיינט דזשאהן, די סידניס
פרינס עדווארד איילענד, ניופאונדלאנד.
ע. טיפעין דזשענעראל וועסטערן איידזשענט
51 קינג סטריט איסט, טאראנטא. מיין 554

כשר און ביליג אונגוס
איך מאך בעקאנט צו אלע מיינע קאסטומערס גראסעריס און אייזקרים פארלארס און דעליקאטעסען סטארס, אז אלע מיינע וואארען וועלען פערקויפט ביליגער 2 סענט אויף דעם פונט אין קעש. און איהר בעדארפט ניט צאהלען פאר אייער געלד קיין אינטערעס. דאס זיינען די וואארען: ווארשט, וויענערס, קארנדביף, באלאגנע.
ארדערס דעליווערט איבעראל מיט דער גרעסטער צופריעדענהייט
משה סאלקאוויטש, 694 ריטשמאנד סטריט וועסט. טעלעפאן ארעל. 1559

דר. מ. פיווניק
.·. דענטיסט .·.
קאר. קוין סט און ספאדיינא עוו.
טעלעפאן ארעליי 4067
[illegible]
Dr. M. PIVNICK, B. A. Sc.
Room 2

מ. מ. דייווים
פאבליק אדיטאר
אדיטינג, סיסטעמאטייזינג אינ־וועסטיגיישאן.
350 קאלידז סט. טאראנטא
טעלעפאן קאלידז 7632

Toronto Wet Wash Laundry
Co. Limited
פערלירט ניט אייער געלד און געזונד. גיט אונז אייער לאונדרי, מיר וואשען פאמיליע וועש.
דעמפ 30 פונט — 75 סענט. דאפ טרוקען, 30 פונט, 1 דאלאר. יעדער וואשינג ווערט געוואשען בעזונדער.
291 Arthur St.
Phone: Parkdale 5280 5281

קאנטאר וואלאדאווסקי האט געמופט אין 62 בראנזוויק עוועניו.
דער טעלעפאן נומער איז דער זעל־בער, וואס עס איז געוועזן.
דער גרעסטער אנטיסעפטיק מוהל
און דער מאדערנסטער מסדר קדושין אין טאראנטא

איין
קאנטאר וואלאדאווסקי
רופט מיך און איבערצייגט אייך.
קאנטרי לייט קענען מיך אויך אנגאזשי־רען פאר שמחות. מיין וואהנונג איז 62 בראנזוויק עוועניו, און מיין פאן נומער איז 1076 קאלעדזש.
פיר ארימע אומזאנסט.

טאראנטאר אידען
סייפט 75 סענטס און איין דאלאר יעדע וואך! ביי מאכענדיג אייער לאנדרי ראף דריי; אייערע העמדער און קאלארס לעבען לאנג און זעהען אויס קלאהר און שעהן ווען זיי ווערע' אויסגעארבייט ביי עקספערטען אין ד
TABER LAUNDRY WORKS
444.46 Bathurst St.
Phone Col. 5143 8333

פאטראנייזט די איינציגע אידישע ווינדא קלינינג קאמפאני

מיר אטענדען צו אלער־האנד הויז, פעקטארי, אפיסעס און סטאר קלי־נינג. בעסטע ארבייט צו די בילינסטע פרייזען. מיר מאכען קאנטראק־טען מאנאטליך און יעהרליך. טעלעפאנירט 1 א־עלייד סט. איסט, פאן מיין 7391. ביי־נאכט און זונטאג טע־לעפאנירט קאלעדזש 4319.
New York Window Cleaning Co
1 Adelaide E

סטאוום, ריפערינג, און פורניטשער —
צו בילינע פרייזען
סאטס גע און קוילען רענגעשעם
WESTWOOD BROTHERS
636 St. Queen W. Phone Adel. 1518

ספעשיאל רום סיסטעם.
די ווילאמס
קארטיידזש און סטארידזש קא.
טעלעפאן קאלעדזש 252
דזשענעראל קארטיידזש אייגענטס
368 ספאדיינא עוו. טאראנטא.
באגאזש, פיאנאס און אלע סארטען פארניטשור געמופט און געסטארד צו די ביליגסטע פרייזען. שטוב זאכען געפאקט און געשיפט פון עקספערט לייט.
ווערהייזער: 551 קווין סטריט וועסט.
צונעדעקטע וועגען. פלעזשור פליעס.
ל. י. רעדפערן.

דר. מ. קייטס
דענטיסט
218½ קוין סטריט וועסט
טעלעפאן מיין 979
DR. M. KATES, Dentist
218½ QUEEN ST. WEST
PHONE MAIN 979

ריגען און לע ווערנוא
באריסטערס א. א. וו.
מעננינג טשעמבערס רום 112 ערש־טער פלאר, טעלעפאן עדלייד 2436
REGAN & LE VERNOIS
BARRISTERS &C.
Manning Chambers,
Room 112, First Floor
Telephone Adelaide 2436

ווארשעווער אקושארקע
ענע ראסאנאווסקי
233 סימקא סטריט
טעלעפאן ערעלייד 1543

פיר שמחות
ווען איהר מאכט א שמחה און דארפט ברענדים ווין אדער ביער, קומט צו דער גוט בעקאנטער פירמע
דזש. וו. רייען
188 קווין סט. וועסט. פאן מיין 106
א פולער ליין פון כרמל ווין און ברענדי אין סטאק.
אלע ארדערס פינקטליך אטענדעט

האדוועיה און סאטלערי
דאס בעסטע פלאץ פאר אלע סארטען הארדוועיר, נעו פיקטשורס, גאז מענטעלס און גלאובס, עלעקטריק פיקטשורס, פיש סאמוס, קאלאויל היטערס, גלאז און קיט (פוטי) פיינטס און ווארניש [illegible]
G. H. IBBOTSON
343 באטהורסט סטריט
טעלעפאן קאלעדזש 6342

ONTARIO LAUNDRY CO. Ltd

זי: — מיין לינדזשעריי־וועש בעקומט בלויז בעסטע וויספערזאמקייט.
ער: — יעס און מיינע העמדער און קאלנער בעקומען די שענסטע באארבייטונג און אויסקוק וועלכע געפעלט מיר זעהר שטארק.
אנטעריא לאונדרי קא. לימיטעד
97 עדווארד סט. טעל. מיין 4821

די געלעגענהייט פון ניו אנטעריא.
די געלעגענהייטען פון נארט אנטעריא
ווייסט איהר די פיעלע געלעגענהייטען פון נארט אנטעריא מיט איהרע מיליאנען פרוכטבארע אקער לאנד אפערט צו די יעניגע וועלכע ווילען זיך בעזעצען אויף'ן לאנד.
ווייסט איהר דאס די זעלבע רייכע אגרי־קולטור לאנד וועלכעס מען קען ערהאלטען כמעט אין גאנצען פריי אדער פיר א קליינע סומע געלד, פראדוצירען שוין די בעסטע תבואה אין דער וועלט.
פיר ווייטערע אויסקינפטע, פיר ליטער־ראטור וועלכע בעשרייבט דעם אויבענגעדער־מאהנטען געגענד שרייבט צו:
ה. א. מעקדאנעלען
דירעקטאר פון קאלאניזאציאן
פארלאמענט בילדונג
טאראנטא אנטעריא

פערלאנגט
פערלאנגט מענער צו לערנען דעם בארבער טרייד. עס פאדערען זיך אייניגע וואכען בלויז. שטעלע גאראנ־טירט. טולס פריי. שרייבט פאר א קאטאלאג און איינצעלהייטען היינט. מאלער בארבער קאלעדזש 221 קווין איסט, טאראנטא.
The Moler Barber College
221a QUEEN STREET EAST

THE DAILY HEBREW JOURNAL
H. WINBERG, Pres. & Gen. Mgr.
The Only Daily Jewish Newspaper in the Province of Ontario
PUBLISHED BY
— CANADIAN JEWISH PUBLISHING CO., LTD. —
67 Elizabeth Street Telephone Main 4582
SUBSCRIPTION RATES: $3.50 PER YEAR
SINGLE COPY 1c.
Entered as Second Class Mai Matter at G.P.O. Toronto, Ontario
January 22nd, 1913
ALLIED PRINTING TRADES UNION LABEL COUNCIL TORONTO 110

פאלקס הערשאפט אדער אונגעקרוינטע צארם

מיר האבען פערשפראכען אבצושטעלען זיך אויף די מאטיווען, ווארום עס איז געוועזען די פיהרער פון דער ציוניסטישער פעדעראציע אזוי לייכט אויפצוהעצען, אז זיי זאלען רופען א קאנווענשאן אין אפאזיציע צו דער געפלאנטער קאנווענשאן פונ'ם פערבאנד — היינט ווילען מיר זיך אויף דיעזע מאטיווען אבשטעלען.

מיר געפינען אבער פאר נויטיג עטוואס זייטיגעס צוערשט צו ערקלעהרען.

זייט מיר זענען ארויסגעטראטען געגען דעם פאלשען שריט פון דער פעדעראציע, זוכען מאנכע היגע ציוניסטען עס אויסצוטייטשען, אז דיעזע צייטונג האט אויפגענומען א קאמפף געגען ציוניזם. מיר קענען ליידער יענע לייטע קיין מארך אין זייערע מהות ניט אריינזעצען, אבער די וואס זענען בעקאנט און געלעזען דיד שטעלונג פונ'ם "אידישען זשורנאל", וויסען, אז דיעזע צייטונג האט תמיד געשטיצט און וועט שטיצען יעדע ציוניסטישע אונטערנעהמונג פונקט ווי אלע אנדערע אידישע אונטערנעהמונגען דאס מיינט אבער ניט, אז ווען דיא פעדעראציע האט געמאכט א פאלשען שריט, האבען מיר עס געדארפט פערשווייגען; מיר וואלטען דאן ניט געוועזען טריי צו זיך זעלבסט, און טריי צו אונזערע פערשפרעכונגען. ניט קיין קאמף געגען דעם ציוניזם, אדער די פעדעראציע פיהרען מיר דא אן. מיר פיהרען בלויז אן א קאמפף פאר יענע געדאנקען און אידעען, וואס זענען אין די אינטערעסען פונ'ם קאנאדער אידענטהום, אהן אונטערשיעד פון פארטיי אדער קלאס, און אויב דער קאמף מוז געפיהרט ווערען געגען א קערפערשאפט, וואס שטעלט זיך געגען די פאלקס אינטערעסען, איז עס ניט אונזער שולד, נור די שולד פון יענע וועלכע האבען ערקלעהרט קריעג דאס פאלק.

מעגען זיי זיין א גרופע, א ציוניסטישע פעדעראציע, אדער ווער עס איז, מיר מוזען אונזער חוב ערפילען, און אויפצייגען דאס פאלק ווער עס איז מיט זיי, און ווער עס איז געגען זיי. ווער עס זיינען זיינע פריינד, און ווער זיינע שונאים. און מיר וועלען עס טהאן אזוי לאנג ביז וואנען דאס קאנאדער אידענטהום וועט קומען צו דער איבערצייגונג, אז מען טאר יעצט ניט שלאגען קיין פארטיי־קאפיטאל, נאר מען מוז האבען איין קאנווענשאן, ניט קיין ציוניסטישע, נאר א פאלקס קאנווענשאן, איבער וועלכע עס זאל הערשען ניט א גרופע ציוניסטען, נאר די אויסערוועהלטע פון זיין מאיעסטעט, דאס פאלק.

אבער צום פונקט.

צו לאנג וואלט געוועזען, ווען מיר וואלטען וועלען שרייבען די געשיכטע פונ'ם קאנאדער ציוניזם, און ווער זיינע טרעגער און פיהרער זענען. גענוג וועט דא זיין צו דערמאהנען, אז צו דער צייט, ווען די פיהרער פון שכנ'ישע אמעריקאנער ציוניסטען זענען תמיד געוועזען "קינדער פון פאלק", פערזאנען וואס זענען טאג איין טאג אויס געקומען אין בעריהרונג מיט'ן המון, געקענט זיינע נויטען און נעטהאגען, איז דיעזער פאל אבער ניט אין קאנאדע. די פיהרער פונ'ם היגען ציוניזם זענען געווארען פיהרער ניט א דאנק דעם, וואס זיי בעזיצען מעהר אידישע בילדונג, אינטעליגענץ, זענען טאקטישער און מעהר בעהבנ'ט, ווי אלע אנדערע, נור זייערע עמטער האבען זיי דערגרייכט, פשוט ווייל זיי האבען מעהר געלד אין זייערע קעשענעס, און מעהרער "פראפערטים" רעדזשיסטרירט אויף זייערע נעמען.

"האסטו די מאה, האסטו אויך די דעה", דיעזער אלטער אידישער שפריכווארט איז אין גאנצען פערווירקליכט געווארען אין די רייהען פונ'ם קאנאדער ציוניזם.

און זיי האבען געפיהלט אז זיי האבען די מאות. צווישען זיך און דאס פאלק, האבען זיי א כינעזישע וואנד אויסגעבויט. א ציוניסטישע אריסטאקראטיע האט זיך אויסגעטהיילט, וועלכע קוקט מיט אויגען פון פעראכטונג אויף אלעס וואס קומט פאר דארטען אין דער נידער צווישען די פאלקס שיכטען. און האבען מאנכע יונגע ציוניסטען, וואס זענען מעהר ראדיקאלער, און ממילא שוין אויך דעמאקראטישער געוואגט צו ערקלעהרען, אז די גאנצע קייט פון קאנסערוואטיזם, וועלכע רינגעלט ארום די קאנאדישע ציוניסטישע בעוועגונג, פאסט זיך גאר ניט פאר א ציוניסטישער ארגאניזאציע, האט מען זיי ערקלעהרט אלס "רעוואלוציאנערען" און "שקצים", און דערמיט האט זיך די זאך געענדיגט.

יחוס און געלד, דיעזע ביידע זאכען האבען איינגעטהיילט דעם ציוניסטישען עלעמענט. ווער עס בעזיצט מעהר גאלדענעם מעטאל, מיט דעם רעכענט מען זיך, די וואס האבען עס ניט, איבער די דארף מען הערשען, דיעזע מיינונג איבער די פיהרער ווילען אייך צוגעבען פיעלע פון די ציוניסטען זעלבסט.

יאהרען זענען אזוי אוועק, און אין דעם אלטען דענעמארק איז אלעס געוועזען רוהיג, די פיהרער האבען געפיהרט, און דאס פאלק אויף וויפיעל זיי האבען געהאט פאלק, איז נאכגעגאנגען.

אין אידישען לעבען האט אבער לעצטענס פאסירט עטוואס.

עס זענען אנגעקומען א גרויסע צאהל אידישע אימיגראנטען, און צווישע זיי א גרויסער טהייל פון אידישער אינטעליגענץ, וועלכע שרעקען זיך גאנץ וועניג פאר יחוס, און האבען ניט מורא אויפצודעקען צופוילקייט אפילו אונטער זיידענע הענטשקעס.

דיעזע אידישע אינטעליגענץ האט דאס פאלק, די ברייטע אידישע מאסען אויפגעוועקט, אז יעדער איינער וואס בעזיצט נור גענוג זעלבסט־רעספעקט צו זיך, דארף זיך אין פנים ניט לאזען שפייען, און אז ער האט א רעכט צו קלייבען זיינע פיהרער און פערזארגער, און קיינער האט קיין רעכט צו רעדען אין זיין נאמען, אדער פיהרען פאליטיק פאר איהם, ניט אנפרעגענדיג זיך צוערשט ביי איהם.

עס זענען ענטשטאנען סטיכישע פאלקס בעוועגונגען אין פיעלע שטעדט, וועלכע האבען געפראטעסטירט געגען דער אומגעבעטענער ציוניסטישער אפוטרופסות ווייל ניט נור האבען זיי געוואלט הערשען איבערן ציוניזם זעלבסט, נאר איבער אלעס און אלעמען, ביז וואנען זיי האבען זיך פערקערפערט אין דעם פאלקס־פערבאנד.

פון איין זייט שטעהט א דעמאקראטישע פאלקס־ארגאניזאציע, פון דער צווייטער זייט א גרופע פיהרער, וועלכע זעהען, אז זייער ממשלה גליטשט זיך זיי פון די הענד ארויס. פון איין זייט אן ארגאניזאציע וועלכע האט אונטער זיך דאס פאלק, פון דער אנדערער זייט א גרופע פיהרער, וועלכע ערקלעהרען, אז מען קען דאס פאלק ניט אנפערטרויען זיינע אייגענע אינטערעסען צו פערוואלטען, ווייל זיי זענען נאך "גרינע" און נים בעקאנט גענוג מיט די קאנאדער אינסטיטוציעס.

ניט קיין קאמפף פון ציוניסטען מיט'ן פאלק איז יעצט. עס איז א פראגע צו האט דאס פאלק דאס רעכט צו רעגירען מיט זיך זעלבסט, אדער א הייפעלע פערזאנען, וועלכע בעזיצען געלד און יחוס, און זענען צו דערזעלבער צייט אויך ציוניסטען, זאלען הערשען איבער אונז, ווי זייער הארץ בעגעהרט.

און דיעזע גרופע פון "פיהרער" זעהענדיג אז דאס פאלק וויל די ממשלה פון איהרע הענד אוועקנעהמען, און אליין פערוואלטען זיינע געשעפטען, האט זיך דארום צוגעהערט צום רוף פון דיא יעניגע פערזאנען וועלכע זענען פערזענליך און געשעפטסמעסיג פעראינטערעסירט צו שאדען דעם פערבאנד, און אריינשפרינגען מיט א צווייטער קאנווענשאן.

דער קאמף איז שוין פון די ציוניסטען אן ערקלעהרטער, און זיי ווילען זיך ניט צוהערען צום רוף, אז איין קאנווענשאן זאל גערופען ווערען, זיי ווילען איבערהאקען אלע בריקען, אבי צו ראטעווען זייער זעלבסט־הערשונג, זאל דער ענטפער פון פאלק קומען, וואס עס דענקט צו טהאן? דער איינציגער און לאגישסטער ענטפער וועט זיין, ווען אלע אונזערע ארגאניזאציעס, יוניאנס, שוהלען און סאסייטיס וועלען געהן צום קאנווענשאן פון פערבאנד, און הויך פראטעסטירען געגען דער געפלאנטער ציוניסטישער קאנווענשאן, ארונטעררייסענדיג איהר פאלקס מאסקע, וועלכע די פיהרער די יחסנים ווילען איהר אנטהאן, אום צו קענען נארען דעם אידישען המון.

פאלקס־פערוואלטונג, אדער דעמאגאגיע פון אונזער פלוטאקראטיע דאס דארף זיין דער ענטפער, וועלכען די קאנאדער אידען דארפען געבען.

און אלס ענטפער וועט געוויס קומען דער ערשטער פונקט.

דייטשלאנד זעהט אויס כמעט נארמאל

אזוי בעריכטעט אן אמעריקאנער פראפעסאר וואס איז נור וואס צוריקגעקומען פון א רייזע איבער אייראפא. — גיבט איבער אן אנטערעסאנטעס בילד וועגען צושטענדע אין קייזערס לאנד.

דזשארדזש ב. מק'קלעלאן, פראפעסאר פון עקאנאמישע געשיכטע אין פרינסטאן אוניווערזיטעט, איז לעצטענס צוריקגעקומען פון א רייזע איבער אייראפא, וואו ער האט פערבראכט די לעצטע זעקס מאנאטען אין צוויי נייטראלע און פיער מלחמה לענדער. אין אן ארטיקעל אין די נוי יארק "טיימס" פון לעצטען זונטאג בעשרייבט ער די איינדריקע וואס די פערשיעדענע לענדער האבען אויף איהם געמאכט און ערקלעהרט דאס אבוואהל ער איז א גרויסער אנהענגער פון פראנקרייך מוז ער מודה זיין דאס אין דייטשלאנד ווייזען אויס די עקאנאמישע און אינדוסטריעלע צושטענדע צו זיין בעסער ווי אפילו אין מאנכע פון די נייטראלע לענדער. אויך איז די בענעהמונג פון דייטשען פאלק צו זייערע שונאים פיעל שענער און אנשטענדיגער ווי די בענעהמונג פון אפילו די ענגלענדער און פראנצויזען.

בעשרייבענדיג דייטשע שטעדט זאגט פראפעסאר מק'קלעלאן:

די האטעלס, רעסטאראנטס און געשעפטס הייזער זענען אפען ווי געוועהנליך און טהוען גוטע ביזנעס. פרייזען זיינען ניט פיעל העכער ווי בעפאר דער מלחמה און עס איז ניט קענטיג אז עס זאל פעהלען שפייז אדער אפילו לוקסוס זאכען. סקוהלס, טהעאטערע און דיא אפערא זיינען אפען ווי געוועהנליך. שפייז אין די רעסטאראנען איז גענוגענד און גוט, בעסער און ביליגער ווי אירגענדוואו אין די אנדערע לענדער וועלכע איך האב בעזוכט. פאסאזשיר טריינס מיט דיינינג קארס און סליפינג קארס איז דא גענוג, אויך פעהלט ניט קיינע טעקסיקעבס און קערידזשעס, און אין אלגעמיין ווייזט אויס ניט צו פעהלען א גענוגענדע צאהל מענער אנצופיהרען די עקאנאמישע און מיליטערישע עקזיסטענץ פון דעם שטאאט.

אויך געהט אן א היבש ביסעל בוי אפעראציאן. אין בערלין בויט זיך א נייע סאבוויי און א קינסטליכער האפען. די סטאר ווינדאס זיינען פול מיט פערשיעדענע וואארעס און לוקסוס זאכען. די מוזעומס און פיקטשור גאלעריעס זיינען אפען און גוט בעזוכט, די איינציגע ענדערונג וואס מען זעהט דא איז דאס זיי שליסען זיך א שטונדע פריהער ווי געוועהנליך און די אנגעשטעלטע זיינען עלטערע מענשען.

אויב דייטשלאנד ליידעט נויט דאן איז עס ערגעץ ניט קענטיג. איהר עקאנאמישער צושטאנד ווייזט אויס צו זיין בעסער ווי דער עקאנאמישער צושטאנד אין פראנקרייך, איטאליען און זאגאר ווי אין דער שווייץ. זיכער איז דאס אין דייטשלאנד קען מען לעבען בעסער און ביליגער ווי אין די אנדערע לענדער וועלכע איך האב בעזוכט. ארבייטסלאזיגקייט עקזיסטירט נים. יעדער מענש וואס קען ארבייטען איז בעשעפטיגט ענטוועדער ביים מיליטער אדער אין די אינדוסטריען פון לאנד.

איך בין געוועזען אין דייטשלאנד אין א צייט ווען די פערהעלטניסע צווישען אמעריקא און דייטשלאנד האבען אויסגעוויזען צו האלטען ביי א ברוך. עס איז געוועזען פונקט ווען די "אראביק" איז געזונקען געווארען און ווען אמעריקאנער צייטונגען האבען כמעט איינשטימיג פערדאמט דייטשלאנד. און דאך בין איך איבעראל בעהאנדעלט געווארען מיט דעם גרעסטען רעספעקט. יעדער דייטשער בעאמטער, סאלדאט און בירגער מיט וועלכען איך בין געקומען אין בעריהרונג האט זיך בעמיהט מיר צו העלפען. אפילו דיא יעניגע וועלכע איך האב ניט געקענט זיינען געווען העפליך און גוט טראצדעם וואס מיין אמעריקאניזם איז געווען זעהר קענטיג און טראצדעם וואס איך האב זיך עפענטליך אויסגעשפראכען אלס א פערעהרער פון פראנקרייך. צו רעדען ענגליש אין די רעסטאראנען און אויף דיא סטריטען אין דייטשע שטעדט ערוועקט בלויז א פערביילויפענדע אינטערעס. איך קען מיר פארשטעלען וואס וואלט פאסירט ווען יעמאנד זאל זיך ערלויבען צו שפרעכען דייטש אין לאנדאן, פאריז אדער רוים.

די קריעגס האספיטעלער וועלכע איך האב בעזוכט אין דייטשלאנד — און איך האב בעזוכט א סך — זיינען אויסערארדענטליך ריין און בעקוועהם. פיעלעס ווערט געטהאן די פערוואונדעטע צו מאכען מונטער און אנגענעהם. די דאקטוירים ווייזען אויס צו זיין פון זעהר א הויכען קלאס, און די נוירסעס האבען געמאכט אויף מיר א בעסערען איינדרוק ווי די נוירסעס פון אנדערע קריעגס לענדער.

די דייטשען בעהויפטען אז אויף'ן מערב פראנט זיינען זייערע פערלוסטען אין טויטע, פערוואונדעטע און געפאנגענע נור א דריטעל פון די ענגליש־פראנצויזישע פערלוסטען וועהרענד אויף'ן מזרח פראנט בעהויפטען זיי אז זיי האבען פערלוירען נור א פינפטעל אזוי פיעל ווי די רוסען.

זיי בעהויפטען אויך אז צוליעב דער אלגעמיינער רייניליכקייט פון דייטשע טרענטשעס, די מעגליכקייט וואס ווערט געגעבען דייטשע סאלדאטען זיך אפט צו באדען און אנצוטהאן פריש און ריין אונטערוועש, ווערען 85 פראצענט פון די פערוואונדעטע ווידער געזונד און קענען זיך צוריקקעהרען צו זייערע רעגימענטען.

איינע פון די גרעסטע הוצאות וואס דייטשלאנד האט אין דער יעצטיגער מלחמה איז דאס אויפהאלטען פון איהרע געפאנגענע. דייטשלאנד און עסטרייך צואמען האבען גענומען מעהר ווי צוויי מיליאן געפאנגענע. כמעט א מיליאן און א האלב פון דיעזע האבען די דייטשען גענומען און זיי געפינען זיך יעצט אין דייטשלאנד. אונגעפעהר 50 טויזענד פון דיעזע זיינען ענגלענדער, 400 טויזענד פראנצויזען און אונגעפעהר א מיליאן רוסען. חוץ דעם איז דא אונגעפעהר פינף טויזענד ענגלישע בירגער וועלכע געפינען זיך אין דייטשלאנד און ווערען געהאלטען אלס געפאנגענע ביז דער קריעג וועט זיך ענדיגען. פון אנפאנג מלחמה האט דייטשלאנד ערלויבט ענגלענדער צו פערלאזען דאס לאנד, אבער נאכדעם ווי ענגלאנד האט ארעסטירט און פערהאלטען אלע דייטשע בירגער אין ענגלאנד, האט דייטשלאנד דאס זעלבע געטהאן.

ווען איך בין געוועזען אין בערלין האב איך בעזוכט איינעם פון די פריזאן קעמפס וועלכער געפינט זיך 35 מייל פון שטאדט. איך גלויב אז אויסער עטליכע צייטונגס קארעספאנדענטען און מיטגליעדער פון דער שפאנישער געזאנדשאפט וועלכע פארטרעטען די ענגלישע און פראנצויזישע אינטערעסען אין דייטשלאנד, בין איך דער איינציגער אויסלענדער וואס האט דיעזען קעמפ בעזוכט. דער קעמפ איז נאטירליך ניט לוקסוס רייך אבער ער איז גאנץ בעקוועהם. עסען גיט מען גענוג און אבוואהל עס איז איינפאך איז עס אבער געזונד. די געפאנגענע קריגען די זעלבע שפייזען ווי די דייטשע סאלדאטען אין פעלד.

צווישען די פראנצויזישע און רוסישע געפאנגענע הערשט די גרעסטע פריינדשאפט אבוואהל די רוסען שטעהען פיעל ניעדריגער אין אינטעליגענץ ווי די פראנצויזען. אלע פריזאנערס מוזען נעהמען א באד ווענינגסטענס איינמאל א מאנאט. און קענען זיך באדען אזוי אפט ווי זיי ווילען. די פראנצויזען באדען זיך אפט. זייער בארמהויז איז אימער ביזי. די רוסען מוז מען טרייבען צום באדהויז מיט באיאנעטען. די באדהייזער אין די קעמפס אין וועלכע די געפאנגענע געפינען זיך זיינען גוט בעהייצט און בעלייכטעט.

פיעלע פון די פריזאנערס ווערען בעשעפטיגט אויף די פעלדער און אין פערשיעדענע אינדוסטריען. דיעזע בעשעפטיגונג איז אין גאנצען א פרייוויליגע און די פריזאנערס וואס נעהמען אן דזשאבס קריגען 65 פעניג א טאג פאר זייער ארבייט חוץ זייער עסען און לאזשי אין קעמפ. ווער עס וויל ניט גהען ארבייטען מוז ניט גהען, אבער פיעלע פון די פריזאנערס האבען אנגענומען דזשאבס די ענגלענדער זיינען צו שטאלץ צו ארבייטען פאר דייטשען אבער די רוסען טהוען עס מיט פערגניגען. דער פאקט איז דאס די רוסישע מוזשיקעס פערדיענען אין זייער געפאנגענשאפט מעהר געלד ווי זיי האבען ווען אין זייער לעבען פערדיענט און דערצו וואהנען זיי און לעבען בעסער ווי ביי זיך אין דער היים.

עס איז אויך בעמערקענסווערטה דאס פראנצויזישע און ענגלישע פריזאנערס קריגען געלד, בריעף און פעקלאך מיט פערשיעדענע זאכען פון קרובים אין דער היים. רוסען קריגען אבסאלוט גאר ניט זייער רעגירונג און ניט זייערע פריינד קימערען זיך וועגען זיי.

די רוסען וואס געהען ניט ארבייטען פערברענגען זייער צייט אין שלאפען און שמועסען. די פראנצויזען גיבען זיך אב מיט פערשיעדענע זאכען ווי דראמאטישע פארשטעלונגען, קאנצערטען א. ז. וו.

דווינסק

די שטאדט, ארום וועלכער עס ברויזט איצט די בלוטיגסטע שלאכט.

דווינסק איז א גרויסע שטאדט אין וויטעבסקער גובערניע און ליעגט צום גרעסטען טהייל אויף דעם רעכטען ברעג פון דעם טייך דווינא, צוועלף מייל, אין דער זיעד־איסטליכער זייט פון ריגא. דיא שטאדט בעשטעהט פון פיער טהיילען: דער צענטער פון דער שטאדט, אדער דיא פעסטונג, די אלטע פארשטאדט, די נייע פארשטאדט און אויף דעם רעכטען ברעג פון דער דווינא ליגט די שטאדט גריווא. די פעסטונג איז אן ערשט־קלאסיגע, און איז דער הויפט פערטהיידיגונגס פונקט פון דער פערטהיידיגונגס ליניע אויף דער לענג פון דער דווינא.

צווישען די פערשידענע שטאדטישע געביידעס, געפינען זיך: פינף קלויסטערס א רוימיש־קאטוילישע קירכע, א גימנאזיום און א טהעאטער. צווישען די אינדוסטריעלע אינסטיטוציאנען געפינען זיך מעהרערע גערבערייען, ביער פאבריקען, א מיהל, ציגעל פאבריקען, א. ז. וו.

דאס וואס די שטאדט געפינט זיך אויף דער אייזענבאהן־ליניע, וועלכע לויפט צווישען ווארשא און פעטראגראד, מאכט זי פאר א וויכטיגען האנדעלס־צענטער, איבערהויפט פאר דעם האנדעל מיט פלאקס, חלב, קאנאפלע, אדער הענף און געהילץ.

צווישען דער בעפעלקערונג, וועלכע האט אין 1897 געצעהלט 72,231 איינוואהנער געפינען זיך 32,369 אידען, אריבער 5.000 קאטהאליקען און קארגע 1,000 פראטעסטאנטען.

דווינסק אדער דינאבורג איז געגרינדעט געווארען אין 1278 פון די ריטער פון דעם ליוואנישען ארדער, אונגעפעהר 12 מייל ווייטער פון טייך וואו די שטאדט געפינט זיך איצט, אויף א פלאץ וואס איז נאך איצט בעקענט אלס דאס "אלטע שלאס", אדער "סטארי זאמאק."

אין 1551 איז די שטאדט צוזאמען מיט אנדערע טעריטאריעס, וועלכע האבען בעלאנגט צו דעם דערמאנטען ארדער, פערמארטגעדזשט געווארען פון דעם גרענדמאסטער, גאטהארד קעטלער, צו סיגיזמונד אוגוסטוס דער קעניג פון פוילען, פאר דער סומע פון 700,000 גולדען, און צוויי יאהר שפעטער איז די שטאדט געווארען דער צענטער פון דער נייער פוילישער פראווינץ אינפלאנד.

אין 1576 איז די שטאדט איינגענומען געווארען פון איוואן גראזני, און איז שפעטער אבגענעבען געווארען צו פוילען. אין 1582 האט סטעפאן באטארי איבערגעבויט די פעסטונג אויף דעם פלאץ וואו זי געפינט זיך איצט. אין יאהר 17טען יאהר הונדערט האט זיך די שטאדט געפינען אין די הענד פון שוועדען און דערנאך איז זי אריינגעפאלען צו די רוסען, אונטער דער הערשאפט פון אלעקסעי מיכאילאוויטש. אין 1772 איז זי ענדליך געווארען אן אנערקענטע רוסישע שטאדט און אלס אן ערשטע קלאסע פעסטונג איז זי אנערקענט געווארען אין יאהר 1811.

דער מסחר געפינט זיך כמעט אויסשליסליך אין אידישע הענד, און ביז צום אנפאנג פון דעם 20טען יאהרהונדערט האט דער מסחר בעטראפען צעהן מיליאן רובעל יעהרליך. די פערשיעדענע מלאכות געפינען זיך אויך כמעט אין גאנצען אין אידישע הענד. לויט דער אפיציעלער סטאטיסטיק פון 1893 געפינען זיך אין דווינסק 330 פאבריקען וואס בעלאנגען צו אידען, און 99 בעלאנגען צו קריסטען, און די צאהל אידישע בעלי מלאכות איז, לויט דיעזער סטאטיסטיק פאראן בלויז 741. דער אמת אבער איז, אז די צאהל איז פיעל א גרעסערע. לויט א פריוואטער אידישער אונטערזוכונג זיינען אין 1898 געווען, אין דווינסק, 4,862 אידישע בעלי מלאכות, פון וועלכע 2,193 זענען מייסטערס, 1,760 אנגעשטעלטע ארבייטער און 909 לערנאינגלאך.

די הויפט מלאכה מיט וועלכע אידען בעשעפטיגען זיך, איז שניידעריי (1,210) און שוסטעריי. אין די 32 פאבריקען וואס געפינען זיך אין דווינסק — פון שוועבעלעך, נארבעריי, קנעפלאך און אז. וו. — וועלכע בעלאנגען צו אידען, געפינען זיך 2,305 ארבייטער פון וועלכע 1,942 זענען אידען. אויך זענען אין דיעזער שטאדט פאראן 658 אידישע טאג־ארבייטער.

אזוי ווי יעדע אידישע פאמיליע בעשטעהט אין דורכשניט פון פינף מענשען, שטעלט זיך ארויס, אז אין יאהר 1898 האבען דרייסיג פראצענט פון דער אידישער בעפעלקערונג פערלאנגט שטיצע פון דער געמיינדע. די הילף וואס מען גיט צו די ארימע אידען, קומט פון זאמלונג און גמילות חסדים געזעלשאפטען און פון פערשיעדענע צדקה אנשטאלטען.

די ערשטע צדקה אנשטאלט איז געגרינדעט געווארען אין יאהר 1900, אלס א געגענזייטיגער הילפס־פעראיין. דיעזער פעראיין צעהלט מעהר ווי 1,200 מיטגליעדער און ביז דעם 1־טען סעפטעמבער 1902 האט מען געליגען אין פערשיעדענע סומען, פון 15 ביז 50 רובעל, 14,301 רובעל. עס איז אויך פאראן א צווייטע אנשטאלט. א גמילת חסדים, מיט א פאנד פון 13,000 רובעל, וועלכער איז געגרינדעט געווארען אין דעם אנדענקען פון מ. וויטענבערג. עס איז פאראן א צדקה אנשטאלט וואו מען העלפט די ארימע, און איז געגרינדעט געווארען פון דעם גובערנאטאר. דיעזער אנשטאלט האט אן איינקונפט, ביז 1899, פון 8,917 רובעל. דיזער אנשטאלט האט אויך א ביליגען רעסטאראנט, א ביקור חולים, א דיספענסארי און א האספיטאל.

אין יאהר 1898 זענען אין די פאלקס־שולען געווען 1,203 קינדער, פון וועלכע 359 זענען געווען אידישע. אין די אידישע שולען האבען זיך געפונען 401 קינדער. אין די האכשולען זענען געווען פאלגענדע שילער: וויסענשאפטליכע האכשולע קריסטען 344, אידען 36; מיידעלשע האכשולע, ניט־אידען 240, אידען 140 שטאדטישע שולע, וועלכע ענטהאלט אין זיך אינדוסטריעלע קלאסען, ניט־אידען 151, אידען 74; פריוואט פיער־קלאסיגע מיידעל שולע, ניט אידען 73, אידען 76; איין־קלאס מיידעל שולע ניט־אידען 36, אידען 33.

אין די אידישע שולען געפינען זיך פאלגענדע שילער: תלמוד תורה, 122 אידישע שולע, מיט פארבערייטונגס קלאסען, 116; דריי קלאסיגע אידישע אינדוסטריעלע שולע פאר מיידלאך און אינגלעך 51; פריוואט און קלאס שולע, 25.

אין מעהרערע פון די שולען ווערען די אידען ניט אריינגענומען, און די שולען, וואו מען נעהמט זיי יא אריין, זענען אזוי איבערגעפאקט, אז מען וויל שוין מעהר קיין אידישע קינדער ניט אריינגעהמען.

אזוי ווי די ארימע אידען קענען ניט בעצאהלען קיין שכר לימוד, האבען דיא ציוניסטען אין יאהר 1901 געעפענט א מאדערנעם חדר וואו מעהר ווי אכציג קינדער בעקומען פרייען אונטעריכט. א דאנק די ציוניסטען איז אין יאהר 1900, געעפענט געווארען א ביבליאטהעק און א לעזע צימער, וואו מען בעצאהלט דריי קאפיקעס איינטריט געלד, אלס א מעמבער.

א גן דן אהן א חוה

דער הייליגער בארג אפאן, וואו כיין פרוי טאר קיינמאל ניט קומען.

מיט א צייט צוריק איז אין די רוסישע צייטונגען ערשיענען די נייעס אז דער מא־ רוסיען מאנאסטיר אויף דעם הייליגען נאך בולאטאוויטש, דער עלטסטער פון א בארג אטהאס, איז פלוצלונג דורכגענומען געווארפען פון פאטריאטיזם, און ער האט בעשלאסען צו געהן אין דער מלחמה געגען די שונאים פון דעם צאר באטיושקא. דיעזער מאנאך, וועלכער האט אמאל געדיענט אלס אפיציער אין דער רוסישער ארמיי האט ערקלעהרט אז ער גיט ניט אויף זיין רעליגיעזען צוריקגעצויגענעם לעבען. ער טהוט עס בלויז נאך די קרייצציהענדע מאנאכען פון 13־טען און 14־טען יאהרהונדערט, וועלכע האבען געהאלפען פיהרען דעם קריעג געגען די טארטארען און פונקט ווי זיי וויל בולאטאוויטש זיך שטעלען אן דער שפיצע פון א מחנה פון דעם צארס פרומע גאטספארכטיגע סאלדאטען.

דיעזע ידיעה אן און פאר זיך וואלט געווען פון קנאפער בעדייטונג, ווען מיט איהר וואלט ניט געווען פערבונדען דער בארג אטהאס מיט זיין מעקווירדיג אינטערעסאנטען לעבען. ווען זי וואלט ניט ביים אמאל געצויגען די אויפמערקזאמקייט פון דער וועלט אויף א פונקט פון דער ערד וואו עס געפינט זיך איינער פון די וואנדערבארסטע קליינע שטאאטען — די "רעפובליק" פון די מאנאכען, וואו דער פוס פון א בארג טאר קיינמאל ניט קומען.

דער בארג אטהאס, אדער דער "אפאן" געפינט זיך אויף דעם האלב אינזעל סאלאניק — דאס לאנד וואס גריכענלאנד האט אבגעריסען פון די טערקען אין דער לעצטע באלקאנישער מלחמה. דארט זיינען פאראן צוואנציג מאנאסטירען, עלף דערפער און 250 שטיבלעך, וואו עס האלטען זיך אויף איינזידלער, דאס הייסט הייליגע מענער, וועלכע האבען זיך אבגעזונדערט פון דער וועלט און איהרע תענוגים. די בעפעלקערונג פון דעם אפאן איז צוזאמענגעשטעלט פון איבער 3000 מאנאכען און אונגעפעהר אזוי פיעל ברידער, וועלכע ווערען פעררעכענט אלס וועלטליכע מענשען. צוזאמען אן ערך זיבען טויזענד נפשות, אלע מענער, א קליינע ארמיי פון פופציג אלבאנעזער געפינט זיך אין קאריאס, די הויפט שטאדט פון דעם אפאן, צו היטען אז קיין פרוי זאל אהין ניט אריינקומען. און אזוי שטרענג איז די אויסשליסונג פון דעם ווייבליכען געשלעכט אז אפילו די "זי" פון וואס פאר עס איז בהמה אדער חיה טאר זיך ניט ווייזען אויף'ן הייליגען בארג אטהאס.

אויסער דער פערהעלטניסמעסיג קליינער וואך, וועלכע האט כלומר'שט דיא אויפגאבע אבצוהיטען אז די הייליגקייט פון דעם אפאן זאל ניט פערשוועכט ווערען דורך דער ערשיינונג פון א פרוי, זיינען די מעהרסטע מאנאכען גופא כמעט אימער אויף דער וואך. איינעגע פון די מאנאסטירען זעהען אויס ווי פעסטונגען און איבעראל געפינען זיך רעוואלווערען אנדערע כלי זיין זיך צו פערטהיידיגען געגען א מעגליכען דרויסענדיגען אנפאל. אין די אלטע צייטען האבען זיך די איינוואהנער פון אפאן געמוזט פערטהיידיגען געגען מחנות פון פיראטען, פון ים רויבער, וועלכע פלעגען פון צייט צו צייט מאכען אן אנפאל. די לעצטע צעהנדליגע יאהרען זיינען קיין פיראטען אנפעלע ניט פארגעקומען, אבער די איינוואהנער פון די פערשיעדענע מאנאסטירען מוזען פון דעסטוועגען זיין אויף דער וואך. דער אפאן האט פון אונדענקליכע צייטען אן געהאט אין זיך בעהאלטען אוצרות, און אין די לעצטע עטליכע צעהנדליגע יאהרען האבען זיך דיעזע אוצרות אלץ מעהר און מעהר געזאמעלט. אלע דארטיגע מאנאסטירען, איבערהויפט די עטליכע גרויסע זיינען אנגעשטאפט מיט געלד, וואס ליגט על פי רוב בעגראבען אין דער ערד אויף פלעצער וואס קיינער אויסער די עלטסטע און א פאאר פון זייערע נאהענטע אנפערטרויטע אדיוטאנטען קען ניט אזוי לייכט אויסגעפינען. עס געהט ארום א קלאנג אז אויף'ן אפאן געפינט זיך מעהר געלד ווי פיעל די קלענערע שטאאטען פון אייראפא פערמאגען צוזאמען.

פון וואנען האבען זיך גענומען דיא אוצרות, די געוואלדיגע מאסען פון געלד? אלעס איז געקומען פון דרויסען. דער אפאן אליין ברענגט גאר ניט איין, דארט איז קיין האנדעל ניטא; און עס ווערט דארט ווינציג וואס פערברויכט אין פערגלייך מיט די געלד שטראמען וואס פליסען דארט אריין. דאס גאנצע געלד, דאס ריזיגע פערמעגען פון דעם אפאן איז צוזאמענגעשנארט געווארען פון דער וועלט, הויפטזעכליך פון רוסלאנד. די צוואנציג מאנאסטירען זיינען אלע פראוואסלאווע די מעהרסטע פון די מאנאכען קומען פון רוסלאנד, אבער עס זיינען אויך פאראן גריכישע און בולגארישע מאנאכען, און יעדער מאנאסטיר שנארט פאר זיך.

איך האב פריהער געזאגט, אז עס איז ניטא קיין האנדעל אויף'ן אפאן. עס איז אבער דא א מין אינדוסטריע. דאס פארנאנדערשיקען פון שנאר בריעף. אין יעדען מאנאסטיר זיצען א פאאר שרייבער וועלכע שרייבען אדרעסען. די שנאר בריעף ווערען געדרוקט אין קאנסטאנטינאפעל אדער אין סאלאניק. א פאאר מאל אין יאהר. די שרייבער דארפען בלויז אויספילען די נעמען פון צוקונפטיגע מנדבים און אנשרייבען זייערע אדרעסען. מיליאנען אזעלכע שנאר בריעף געהען יעדעס יאהר אב קיין רוסלאנד, פון וואנען עס קומען אן, אלס ענטפער, פאוויעסטקעס מיט פאפירענע אסיגנאציעס. אזוי זאמעלט יעדער מאנאסטיר אויף'ן אפאן אונגעהייערע פערמעגענס. אבער פאפיער געלד איז ניט בעקוועם צו בעהאלטען, פיהרט מען אוועק די אסיגנאציעס קיין קאנסטאנטינאפעל, און מען בייט זיי דארט אויס אויף געלד, אויף טערקישע ליראס, וועלכע ווערען דערנאך פערגראבען אין דער ערד...

אזוי האבען זיך די מאנאסטירען פון אפאן געפיהרט יאהרען לאנג און דיא טערקישע רעגירונג פלעגט זיך וואונדערען, וואו איהר געלד קומט אהין.

ווי מען זעהט אלזא, האבען די איינוואהנער פון דעם אפאן איבערהויפט די עלטסטע פון די מאנאסטירען, גענוג גרונד צו זיין אויף דער וואך. אבער די קליינע מחנה פון 50 אלבאנעזער וועלכע געפינט זיך אין קאריאס, איז אפיציעל אוועקגעשטעלט געווארען אכטונג צו געבען אז א פרוי זאל זיך חלילה ניט אריינגנב'ענען אהין. דער אפאן איז בעדעקט מיט וועלדער און מיט אלערליי גערטנער איהר הויבט אויף די אויגען און איהר האט פאר זיך א קלאהרען אזור בלאען הימעל איהר לאזט זיי אראב און וואו איהר קעהרט זיך און וואו איהר ווענדעט זיך האט איהר בלומען־גערטנער און קוואלען און אלעען און פאנטאסטישע בעהאלטענע ווינקעלאך, נאר קיין איין פרויען געזיכט ניט! רק מענער און מענער, און כמעט אלע מיט איין און דעם זעלבען אויסזעהען. עס אי זא א גן ערן אהן א חוה. די 50 אלבאנעזישע שומרים האבען שארפע אויגען און ביז אהער איז נאך קיין איין פרוי ניט געקומען.

(פארטזעצונג אויף פיידזש 6)

נאך יום טוב

(פעליטאן)

פון י. ראזען.

איצט רבותי, אז דער יום טוב איז אוועק און מיר קעהרען זיך אום צו אונזער וואכעדיגער ארבייט, וואלט ניט געשאדעט אז מיר זאלען אונטערציהען א שטיקעל סך הכל.

איך ווייס ניט ווי אזוי ביי די אומות העולם, ביי אונז אידען האט דער יום טוב געהאט א גרויסע בעדייטונג און ווירקונג אויף אונזער לעבען.

דעם איינדרוק וואס יום טוב האט אויף אונז געמאכט איז ניט געווען שטארק בלויז דערפאר ווייל ער האט געהאט א שייכות מיט רעליגיאן, וועלכע האט מיט א קורצער צייט צוריק דורך גענומען אונזער גאנץ לעבען.

אונזערע ימים טובים זיינען פאר אונז געווען א קאמבינאציע פון רעליגיעזען חשבון הנפש מיט רוה פון ארבייט און מסחור. עס האט פאר אונז א חוץ דעם אויך געהייסען דאס פערגעסען אויף א פאאר טעג אין דאגת פרנסה, דאס עסען א בעסערען מיטאג, דאס זעהען זיך מיט פריינד, און קרובים. א יום טוב האט אויך געהייסען אונזער וואקאציע, אונזער ספארט, אונזער דאטשע און אונזער אפערא סעזאן.

קיין שעהנערע מוזיק ווי דעם חזנ'ס "כי הנה כחומר" האבען מיר אין ערגעץ ניט געהערט.

אט דיעזע אלע זאכען צוזאמען גענומען האבען דעם יום טוב געמאכט פאר אונז אלס די איינציגע טעג אין יאהר צוליעב וועלכע עס לוינט זיך צו לעבען אויף דער וועלט. און דארום האב איך תמיד געפיהלט שבת בראשית פאר נאכט ווי א שטיק הארץ וואלט מיר אויסגעריסען געווארען.

א גוואלדיג גרויסער קאנטראסט איז געווען צווישען אונזער יום טוב און צווישען פראסטען וואכענדיגען טאג.

אן אנדער שטימונג, אנדערע קליידער, אנדער עסען און טרינקען, אן אנדערע מינע, אוים פרעהליכקייט, אוים פרייהייט אוים זון, אוים ליכט נאר פינסטערניש מיט ינון ואנחה.

א שרעקליכער קאנטראסט.

אך, ליעבע קינדער טעג!...

— — — — — — — — —

— — — — — — — — —

מיט מעהר פרייהייט וואס מיר קריגען אין די וואכען טעג פערלירט ביי אונז אויף אזוי פיעל דער יום טוב זיין צויבער.

איך ווייס אבער ניט צו עס לוינט זיך. איך מיין אז מיט קיין זאך אין לעבען קען מען יענע שמחה ניט אבקויפען. ווי דאס הארץ האט זיך דאס פאר שמחה געצאפעלט!

האט איהר דאס לעזער, אמאל דורכגעלעבט?

זייט איהר אמאל אלט געווען צעהן יאהר?

דאס פיליכט יא.

זייט איהר אבער דאמאלס געווען רעליגיעז געשטימט? האט איהר שוין צו אכט יאהר געהאט דורכגעלעזען דעם שבחי בעש'ט?

זייט איהר פיליכט צו יענער צייט געפאהרען אלע ערב ראש השנה צו אייער מוטער וועלכע האט געוואהנט — ווי מיינע — אין א וואלד, צו וועלכען מען איז תמיד אנגעקומען פאר נאכט, און קומענדיג פון דער שטאדט וואו מען האט א גאנץ יאהר פערבראכט, געהענדיג צו א טרוקענעם גמרא מלמד, איז דער וואלד אזוי ליעב און שעהן געווען און נאך שעהנער האט דאס הויז אויסגעזעהען, וואו עס האבען געוואוינט אויך אייך ליעבע שוועסטער און ברידער, און פון וואלד זייט איהר אלע געפאהרען אין א צווייטער שטאדט אויף ימים נוראים, און דאן סוכות, שמיני עצרת און שמחת תורה...

ווער קען דאס אייך איבערגעבען?

ווער קען דאס פערגעסען יענע זיסע נגונים וואס מען האט געזונגען שמחת תורה ביי אייער מאמען אין הויז?

ווער קען דאס פערגעסען יענע ליעבע אידען פון די ארומיגע דערפער און וועלדער וואס זיילען זיך צונויף געקומען און געדאווענט מיט'ן מנין און געטרונקען לחיים, און געטראגען דאס פעסעלע וויין אין וואלד און געזונגען און געטאנצט און ערערט רייטש — לכבוד יום טוב — און זיך משמח געווען ביז — די זון איז אונטערגעגאנגען און איהר זייט באלד צוריק געפאהרען אין שטאדט אריין צו אייער רבי'ן מיט די פעטש, מיט'ן חלב'ענעם ליכטעל אין די קאלטע ווינטער נעכט ביז איהר האט מיט די צייהן דערצויגען איבער א יאהר, און ווידער געפאהרען צו אייער מאמען אין וואלד און געפיהרט מיט זיך פון דער שטאדט א שעהן חסידיש נגונ'דעל אויף שמחת תורה אין וואלד אריין, און די דארפ'ס אידען האבען "אייער" נגונ'דעל געזונגען א גאנץ יום טוב ביז די שמחת תורה זון איז אונטערגעגאנגען...

די תפיסה אין רבינ'ס חדר, די קאלטע נעכט ביים רבי'ן, די מרה שחורה מיט די בלאטעס אין שטעדטעל האבען די ימים טובים נאך זיסער געמאכט.

פינסטערע וואכען טעג

העלע הייליגע ימים טובים...

— — — — — — — — —

— — — — — — — — —

פיעל פון זייער צויבער האבען די ימים טובים פערלוירען שפעטער צו ווען די וואכען טעג זיינען ליכטיגער געווארען און ווייניגער תפיסה'דיג די ווינטער נעכט זיינען געווארען, דעסטא מעהר האבען די ימים טובים פון זייער צויבער פערלוירען.

פיעל בולט'ער האט זיך דאס ארויסגעוויזען אין דער גרויסער שטאדט.

דער רעליגיעזער ברען איז שוין לאנג פערלאשען געווארען.

די אמת'ע ליעבע צווישען מענש און מענש וועלכע מיר האבען אין יענע יאהרען געזעהען צווישען יענע אידען וואס האבען זיך געדריקט די הענד אין א יום טוב טרינקענדיג הארציג לחיים, און וועלכעס האט געמאכט דעם יום טוב אויסזעהען נאך יום טוב'דיגער, איז שוין לאנג פערשוואונדען ווי רויך, און דערצו נאך האט מען מוזיק אנגעהויבען צו הערען אין דער אפערא און אמאל אין פאנאגראף און דערצו דער גרויס שטאדטישער צייים וואס מאכט אלעס וואס איז שעהן, כאטש אמאל סענטימענטאל אפילו, צו קליין געלד, דאס אלעס האט געמאכט יענע פאעזיע, יענע אידיליע, יענע שעהנע פאעטישע נאאיוויטעט צו א זאך דער טויטער פערגאנגענהייט. און ווען מען דערמאהנט זיך אין דעם אין א שבת בראשית ווען די זון איז פערגאנגען און קיין שפור פון יענע צייטען איז ניט געבליבען אויסער זכרונות פון וועלכע די "נייע" האבען קיין אהנונג ניט, גיט עס א צופ ביים הארצען..

— — — — — — — —

— — — — — — — —

און וואלט ניט די געגענווארט געווען אזוי טרויעריג שלעכט, אזוי טראגיש צרה'דיג וואלטען מיר געפונען גענוג טרייסט אין דער צוקונפט. ווייל נאך אלעמען ליגט שוין אזוי אין דער נאטור פון עראינערונגען אז וואס שעהנער זיי זיינען, וואס אנגענעהמער און ליעבער זיי זיינען, דעסטא טרויעריגער זיינען די געדאנקען צו וועלכע זיי פיהרען אייך.

ווער ווייס ניט אז פונ'ם יאריד פאהרט מען מיט מעהר מרה שחורה ווי אויפ'ן יאריד טראץ די גליקען וואס מען האט אויפ'ן יאריד געמאכט?

ווער ווייס דאס ניט?

וואלטען מיר היינט עס געפינען גענוג טרייסט אין דער צוקונפט.

איך וואלט אנשטאט פון פערגאנגענעם שמחת תורה גערעדט וועגען קומענדען פסח, וועלכער וועט בלי ספק זיין שעהנער ווי אלע פסחים ביז איצט, אויב — "מיר" וועלען נור וועלען . . .

אי זאבער ערשטענס די צייט אזוי צרה'דיג און די הימלען אזוי פערוואלקענט אז עס זעהט זיך ניט ארום קיין איינציגער שטראהל פון האפנונג און צווייטענס דארפען מיר דאך וועלען...

דאס היינט וועלען ווילען מיר נאר "יענער" לאזט דאך ניט.

מלחמה האט אייגענטליך קיינער ניט געוואלט נור יענער.

שלום ווילען אייגענטליך אלע נור יענער שטערט.

"מיר" — זיינען די גוטע און די פיינע, יענער איז עס תמיד דער וואס איז כל בו, און דערפאר אייגענטליך פיהרען מיר די מלחמה:

מיר וועלען אויסקוילען יענע, די שלעכטע, וועלען בלייבען בלויז די גוטע, מיר הייסט עס, וועט טאקי זיין א יום שכלו טוב. אן אמת'ער גן עדן.

די צרה איז בלויז וואס די שלעכטע אפילו לאזען זיך ניט אזוי לייכט אויסקוילען.

איז דאך דאס ניט אונזער שולד.

מען וואלט פיליכט געווען געקאנט קומען צו א טאלק פאר דער מלחמה, מען וועט אויך געוויס קומען צו א טאלק נאך דער מלחמה, איצט אבער, אום נאטעם ווילען, איצט איז קיין ברירה ניטא, איצט מוז מען אויסשעכטען די שלעכטע און עס וועלען בלייבען בלויז די גוטע . . .

און דאן, ווייסט איהר דאך, וועט משיח קומען . . . .

— — — — — — — —

איהר לאכט?

משיח, זאגט איהר, וועט ניט קומען?

אזוי זאגט איהר, ווייזט אייך אייער סטראטעגיקע, און אזוי ווילען אייך האבען די קריעגס עקספערטען?

פיליכט?

עס קען זיין אז דאס מאל האט איהר רעכט.

אז מענשען זיינען געווארען סטראטעגיקער איז דאך ניט שייך.

איך בין, אמת, ניט קיין סטראטעגיקער און ניט קיין קריעגס עקספערט, איך ווייס מיר אבער איין זאך, אז די מענשהייט לערענט!

זי לערענט פון דער פערגאנגענהייט. זי לערענט פון יעדען קלאפ וואס זי קריגט און לאזט מיר אייך זאגען, מיינע טייערע סטראטעגיקער, אז אזא קלאפ האט די מענשהייט קיין מאל ניט געקראגען דארום וועט דער לעסאן אויך זיין דער גרעסטער. א גרויסען לעסאן וועט די מענשהייט האבען געלערענט. און נאך דער מלחמה וועט זי, די מענשהייט, מיט חשק לעהרנען אויף דאס ניי ישעיהו'ס נבואה, און עס איז מעהר ווי זיכער אז די צייט וועט זיין רייף פאר משיח'ן, פאר'ן אמת'ן משיח, וועלכער וועט ברענגען שלום און גליק אויף דער וועלט . . . .

אויף להכעיס אייער סטראטעגיקע מיט אייערע בלוט עקספערטען, אזוי זאגט מיר מיין סטראטעגיקע.

און אויב איהר זייט פעסימיסטען און האט פערלוירען אייער צוטרויען צום מענשען איז טאקי א גרויסער רחמנות אויף אייך . . . . [illegible]

איך געה מיר מיט מיין אלטען גאנג: דער קלאפ, רבותי, איז זעהר גרויס און פונקט אזוי גרויס איז דער לעסאן וועלכען די מענשהייט וועט האבען געלערענט.

ניט מארגען.

רייצט איהר זיך מיט מיר?

זאל זיין איבערמארגען.

קומען אבער וועט ער . . .

דער מעטש
פון טאג

איז דער פערפעקטירטער פראדוקט פון אריבער 60 יאהר עקספעריענס אין מאכען פון מעטשעס.

עדדי'ס
סיילענט פארלאר

אויב עס ווערט גוט געהאלטען און ריכטיג אנגעצונדען און סיי וואס פאר א ראף סורפייס איז גאראנטירט צו געבען א סטעדי און ריינע לייט — דער ערשטער רייב.

THE E. B. EDDY
CO., LIMITED
HULL, - CANADA

דעם לעזערס ווינקעל

ווערטהער רעדאקטאר!

אזוי ווי פאר דער לעצטער צייט האבען זיך בעוויזען קארעספאנדענצען פון קאנעדער אידישען לעבען אין דער אידישער פרעסע פון אמעריקא אונטער פסעוודאנימען פון פנחס, בן אליעזער, בן אהרן, וועלכע זיינען זעהר ווייט ניט קיין אנשטענדיגע, איך האב אויפמערקזאם די קארעספאנדענצען איבערגעלעזען און מעהר ווי פערזענליכעס און קליינליכקייטען האב איך אין זיי ניט געפונען.

איהר אלס רעדאקטאר פון א קאנעדער אידישער צייטונג האט אזוינע קארעספאנדענצען ניט געטארט דורכלאזען אהן א בעזונדערע אויפמערקזאמקייט, איך דענק אז איהר דארפט דאס נאך יעצט טהאן.

איך וויל נאך אויפמערקזאם מאכען אויף פאלגענדעס:

אין דעם "טאג" פון דעם 21־טען סעפטעמבער איז ערשינען א בעריכט פון הערר דווארקין פון טאראנטא אין וועלכען ער שרייבט אז 11 סאציאליסטישע און ארבייטער ארגאניזאציעס האבען זיך אבגעריסען פון דער ארבייטער קאנפערענץ אין טאראנטא, בין איך אלס סעקרעטער פון דער קאנפערענץ אויפגעפאדערט געווארען ביי דעם לעצטען מיטינג פון קאנפערענץ זונטאג דעם 26־טען סעפטעמבער אבצולייקענען דעם פאלשען סטייטמענט פון הערר דווארקין און ערקלעהרען אז ביז היינט דעם 26־טען סעפטעמבער האבען זיך בלויז אפיציעל צוריק געצויגען 2 ארגאניזאציאנען די יאנג סאשעליסט און ברענטש 220 ארבייטער רינג.

פאר דער קאנפערענץ
מ. קרעמער סעק.

(מיט אייערע פרעטענזיעס וועגען יענע קארעספאנדענציעס, דארפט איהר זיך ווענדען צו די בעטרעפענדע צייטונגען רעספאנדענטען פון יענע צייטונגען שריי־ מיר קענען דאך ניט וויסען, וואס די קאנען, ציהט בעסער די אויפמערקזאמקייט פון יענע רעדאקטערע, וועלען זיי כאטש וויסען, אז זייערע קארעספאנדענטען זיינען גאנץ ווייט פון צו שרייבען דעם אמת
רעד.)

ווערטהער הערר רעדאקטאר!

אין אייער צייטונג האבען זיך לעצטענס בעוויזען סטייטמענטס, אז אונזער ברענטש 293 ארבייטער רינג פערזאמעלט זיך ניט אדער עקזיסטירט גאר ניט. ערלויבט אונז אויפמערקזאם צו מאכען, אז מיר האבען ניט אנגעשטעלט קיינע הערען אלס קאנטראלארען, און אויב מיר זיינען בכלל מחויב צו געבען בעריכטען וואס מיר טהוען, איז עס צום דזשענעראל אפיס, און ניט צו קיינע אנדערע וועלכע ערקלערען זיך אלס אונגעקרוינטע קעניגע פון דעם היגען ארבייטער רינג.

א. נאדעלמאן
סעקרעטער ברענטש 293 א. ר.

מיט פריזאנערס טהאר מען זיך שוין ניט קושען.

ביז אהער פלעגט זיך פיהרען אז ווען א קרוב אדער א פריינד פלעגט קומען בעזוכען א פריזאנער פלעגט ער זיך מיט איהם מעגען צו קושען, יעצט אבער האט עס דער קאונטי סופעראינטענדענט פון פריזאן פערבאטען.

ער ערקלעהרט זיין פערבאט דערמיט וואס מענער פלעגען קושענדיג זיך אריינשמוגלען מיט'ן מויל געוועהנטליך פערשידענע דראגס ווי אפיום קאקיין און דאס גלייכען.

די פריינד וועלכע בעזוכען מענער פריזאנערס וועלען זיך דארפען בענוגענען מיט בלויז ריידען מיט זיי אבער זיך ניט קושען די גזירה בעציהט זיך בלויז אויף מענער אבער ניט אויף פרויען.

פרויען וועלען זיך מעגען קושען וויפיעל זייער הארץ גלוסט

אויף מיין רייזע

— פון —

אב. גאלדבערג

ווארום האט באלטימאר זוכה געווען צו דער גדולה? — איז שווער צו ענטפערען. פיעל הענגען די זאכען אפ אין צופאל. נעווער מיינד, וואס אונזערע מאטעריאליסטישע דענקער שליסען אוים דעם צופאל אוים דער געשיכטע, עס איז זיכער דא אזא זאך ווי צופאל אין לעבען, אין קליינינקייטען ווי אין גרויסיגקייטען. איך ערקלעהר מיר באלטימאר'ס פרומקייט אויף אזא אופן. דער צופאל האט עס געוואלט, אז די ערשטע אידישע איינוואנדערער אין באלטימאר זאלען זיין פון דער פרומער קלאס, אויך די דארטיגע דייטשע אידען זיינען מעהר נוטה צו ארטהאדאקסי, און זיי האבען אוועקגעלייגט דעם יסוד. די נאכקומענדע, וואס על פי רוב זיינען עס דאך אזוי צוזאגען, אידישע אידען זיינען אין באלטימאר לכל הפחות ניט געווען געצוואונגען צו בייטען די אלטע איבערצייגונג און זיך צופאסען צו אנטי־אידישע בעדינגונגען. זיי זיינען געבליבען ביי זייערס, און די אטמאספערע איז דארום א אידישע.

היינט דארף מען אויך ניט פערגעסען דעם אלטען כלל: ווי עס קריסטעלט זיך אזוי אידעלט זיך. באלטימאר איז א קאטוילישע שטאדט. די גויים דארט זיינען גויים, ניט אויף קאטאוועס, דער קאטהאליציזם האט אויף זיינע אנהענגער, כידוע, א גרויסע ווירקונג. די קאטאלישע רעליגיע איז ניט עפעס מחוץ דעם וואכעדיגען לעבען, נאר איז א וויכטיגער טהייל אין דעם אלטאג פון די גלויבינגע. דער קאטהאליציזם פיהלט זיך ממש אין שטאדט.

און אין דער אלגעמיינער פרומער אטמאספערע איז פאר די אידען פיעל לייכטער געווען צו בלייבען ביי זייער אייגענעם, ביי זייערע טראדיציעס.

אין דער שטאדט באלטימאר קען מען נאך געפינען א שארית פון אמאליגע משכילים. אמאל איז אין באלטימאר געווען א שטיקעל צענטער פאר דער העברעאישער השכלה. פון באלטימאר איז ארויסגעגאנגען א העברעאישע צייטונג. פיעלע פון יענער גרופע האבען זיך צושפרייט אין דער לענג און אין דער ברייט פון אמעריקא, אייניגע זיינען דאך געבליבען. עס איז א פאקט, אז אין באלטימאר קאן מען נאך עד היום קריגען פיעלע חותמים אויף א העברעאישער צייטונג. אזוי האבען מיר פערזיכערט אייניגע אגענטען פון די אידישע צייטונגען, וואס קענען דאס באלטימארישע אידישע פובליקום.

וואס איז נוגע ציוניזם איז באלטימאר זעהר א גוט פעלד, די מייסטע אידען זיינען דארט זעהר סימפאטיש צום ציוניזם. דאס רעד איך פון ערפאהרונג. יעדע ציוניסטישע פערזאמלונג אין באלטימאר איז א גרויסער ערפאלג. די אידען האבען ליעב צו קומען הערען א ציוניסטישען רעדנער און זיינען גרייט צו שטיצען מיט אן אפענער האנד.

דאך איז דארט אין איין צייט דער ציוניזם געווען שטארק געפאלען. די סבה? פשוט, ס'האבען געפעהלט ארבייטער. די וואס זיינען געווען זיינען זיך צופאהרען.

אין באלטימאר, ווי אין אנדערע שטעדט, זענען פאראן דאון־טאונער ציוניסטען און אפ־טאונער. די באלטימארער ציוניסטען פון אפ־טאון זיינען מעהר טהעטיג ווי דער מין ציוניסטען אין אנדערע שטעדט. דאס זיינען אבער אלץ ניט די ציוניסטען וואס קענען האבען אן איינפלוס אויף די ברייטע מאסען.

כדי צו געווינען די מאסען מוז מען אנדערש אגיטירען. צו אלער ערשט איז נויטיג, אז עס זאלען זיין אייניגע ביי וועלכע דער ציוניזם זאל זיין דער אל "מיט־אנאנדער", דער אויסגאנגס־פונקט, דער שטאנדפונקט און ענדציעל. עס זאל זיין דאס ברויט וואס זיי עסען, די לופט וואס זיי אטהעמען, געוועהנליך ווערען די מענשען וואס ווערען אויף אזא אופן פערכאפט פון דעם ציוניזם שטארק רואינירט; אויף דער רואינע אבער ווערט דער ציוניזם געבויט.

א בעוועגונג ווי אונזערע דארף אויך „פרסומא מלתא", מוז שטענדיג געהאלטען ווערען אין אויג, ארויסגערוקט ווערען אין דער פראנט. פון זיך צונויפקומען איין מאל א מאנאט און זיך דורכרעדען איבער ציוניזם צוליעב אייגענער הנאה וועגען, קען אונזער בעוועגונג פיעל ניט האבען. די אפטאונער ציוניסטען זיינען מעהר ווי אויף א מיטינג איינמאל א מאנאט ניט פעהיג. ביי זיי איז דער ציוניזם א מהיכא־תיתי־זאך, א שעהנע זאך, אויב איהר ווילט, דער צושמעלץ, דאס קריינדעל, ווייטער אבער ווי דאס געהט עס ניט. האט דער ציוניזם וואס איז פאר א צייט לאנג געבליבען בלויז ביי די אפטאונער, אנגעהויבען געהן בארג אראפ אין באלטימאר.

ביז גאט האט געהאלפען עס זיינען ארונטערגעקומען אייניגע נייע ציוניסטישע ארבייטער, הייס־בלוטיגע יונגע לייט און האבען זיך גענומען צו דער עבודה, אבער גאנץ ערנסט.

די ערשטע זאך וואס זיי האבען געטהאן — זיי האבען געגרינדעט א „התחיה" פעראיין. דער נאמען „התחיה" איז דא געווען ניט קיין צופאל אין דעם נאמען האט געשטעקט א פראגראם. דער נאמען איז דא געווען א מין פראטעסט, און אנצוהערעניש אז מען איז אונצופרידען מיט דעם מצב פון ציוניזם ווי ער איז. איז דאך א קשיא: ווארום זשע דוקא „התחיה"? איז דער תירוץ, ווייל אין דער קאונטרי האט דער ניו־יארקער גאטזעליגער פעראיין 'התחיה' געקראגען א שם אלס א רעוואלוציאנערער פעראיין חבר בראדסקי, עליו השלום, פלעגט שטעהן אין שטענדיגער קארעספאנדענץ מיט אונצופרידענע חברים איבער דעם גאנצען לאנד און געהאלפען שאפען דעם איינדרוק, אז "התחיה" איז דער פעראיין וואס שטעהט אויף דער וואך, און לאזט ניט פערוואסערען דעם ציוניזם. די באלטימארער חברים, וועלענדיג אונטערשטרייכען זייער רעוואלוציאנערען גייסט, האבען דארום אויך זייער פעראיין א נאמען געגעבען „התחיה".

מיט דער גרינדונג פון דעם נייעם פעראיין איז דער ציוניזם ווירקליך געווארען פיעל לעבעדיגער אין באלטימאר. די „התחיה" האט ארונטערגעבראכט רעדנער, וואס האבען גערעדט אין האלס און אין שוהלען. זיי האבען אויסגעשריבען ליטעראטור און צוטיילט צווישען אידען. דעם צענטער האבען זיי געמאכט אין דער תלמוד תורה, וועמעס פרינציפאל איז זעהר א גוטער ציוניסט, איינער פון אנשי שלומנו. פון דארט האבען זיי זייער אגיטאציאן געפיהרט און האבען געהאט ניט ווייניג ערפאלג.

דארף זיך דער שטן פון מחלוקת אריינכאפען אין פעראיין און ער ווערט צושפאלטען, און באלטימאר געווינט א נייעם פעראיין מיט דעם נאמען „הגאולה".

„הגאולה" איז זיכער איינער פון די שעהנסטע פעראיינען אין לאנד. איך ווייס ניט וואס עס וועט ווערען שפעטער. דערווייל קען ניט זיין בעסער. דאס איז דער איינציגער פעראיין, גלויב איך, איבער דעם לאנד, וואו דער רוב חברים קומט פון וואהלין, בלויז אייניגע זיינען אונזערע ליטוואקען.

די וואהלינער האבען אין דעם פעראיין אריינגעבראכט זייער חסידישען גייסט. אין דעם פעראיין ווערט אלץ געמאכט מיט בעגייסטערונג און דבקות. די מייסטע מיטגליעדער קענען העברעאיש און לייענען העברעאיש. וואס איז נוגע פרנסה — זיינען די מייסטע נעבעך, לא עליכם, גאר ניט קיין ראקפעלערס, און דאך זענען זיי אלע פרעהליך און לעבעדיג, ווי זאגט מען: עס איז הוליע קבצן.

(פארטזעצונג פאלגט.)


Charles Carroll of Carrollton
"FRAMERS OF THE CONSTITUTION OF THE U.S.A." No.9

Charles Carroll of Carrollton, Md.
"Father of Religious Liberty in America"

HISTORY proves, to their eternal honor, that the Catholics were the first in America to advocate the Freedom of all sects to worship at any shrine they chose to bend a knee. Of all the cavaliers of Maryland, none were more noble, and none adored Liberty more than Charles Carroll, who, with his kinsman, Archbishop John Carroll, strove for the hereditary rights of mankind to practice Civil and Religious Liberty. Carroll was one of the richest and most learned men in the Colonies, and when he proudly affixed his name to our immortal Declaration of Independence he courted the confiscation of his vast estates. A bystander facetiously remarked, as he did so, "There goes a few millions." He was elected to the National Convention which adopted the Constitution of the United States, but illness forbade his attendance. His cousin, though, Daniel Carroll, signed our National Law, which forever guarantees to Americans Civil, Religious and Personal Liberty. Carroll's manners were easy, affable and graceful; in all the elegancies of polite society few men were his superiors. His hospitality was nothing short of royal, and he was a lifetime user of light wines and barley brews. He died in his 95th year, the last survivor of the signers of the Declaration of Independence, and was looked upon with reverential regard by rich and poor alike. Fifty-eight years ago Anheuser-Busch launched their great institution, and have always brewed honest beers—the kind the illustrious Carroll loved to quaff. Day by day their famous brews have grown in popular favor until 7500 people are constantly employed to keep pace with the public demand. Their great brand —BUDWEISER—because of its quality, purity, mildness and exquisite flavor, exceeds the sale of all other beers by millions of bottles.

ANHEUSER-BUSCH. · ST. LOUIS, U.S.A.

Visitors to St. Louis are courteously invited to inspect our plant—covers 142 acres.

R. H. Howard & Co., Distributors
Toronto, Ont.

Budweiser
Means Moderation

BUDWEISER
Budweiser Lager Beer
Anheuser Busch Brewing

ה. יאַנאָווער — א. ראָזענפעלד
פאָן מיין 6886 — פאָן קאָלעדזש 5089
זיינען די
טאָראָנטאָ קאָהל קאָמפּאַני
91 ענגנעס סטריט — פאָן אָפיס עדלייד 2029
פערקויפען, נור
Elias Rogers Co's Anthracite
יעדער לאָט, קוילען אָדער האָלץ, וואָרט דעליווערט מיט ראַדזשעס טיקעטס. פיר קוואַליטי און וואָג גאַראַנטירט.

חזן קאַפּלאַן'ס שיפּס קאָנטאָר
איז דער פּלאַץ וואו איהר קענט שיקען געלד נאָך אַלע טהיילען פון דער וועלט, שנעל און זיכער צום לעצטען טאָגעס קורס
אַלע סאָרטען אינשורענס, פייער, לייף, עקסידענט, באַרגלערי, פּלייט גלאָז און סיק בענעפיט קענט איהר אינשורען אין מיין אָפיס. איך רעפּרעזענטיר די שטאַרקסטע און ראַיעלסטע קאָמפּאַניעס אין יונייטעד סטייטס און קענעדע. מיין נאָמען און רעפּוטיישאָן פאַר די לעצטע צעהן יאָהר פאַרזיכערט אייך, אַז איהר וועט אין מיין אָפיס ראַיעל און אָנשטענדיג בעהאַנדעלט ווערען.
רעוו. מ. קאַפּלאַן
297 קווין סט. וועסט, קאָרנער דזשאָהן סטריט. טעל. אַדעלייד 239.
הויז טעל. אַדעלייד 1545

האָט איהר שוין בעזוכט דעם נייעם
דיינינג רום אונד רעסטאָראַנט
אין 192 ספּאַדיינאַ עוועניו, (ניער קווין)
עס איז פיר אייער אייגענעם בענעפיט
דאָס שעהנסטע פּלייס אין אַקאָמאָדיישאָן פיר ליידיס און דזשענטעלמען.
גוטע געשמאַקסטע כשר'ע שפּייזען און גוטע בעהאַנדלונג גאַראַנטירט.
גרינבלאַט, 192 ספּאַדיינאַ עוועניו, (נעבען גיבער מהיבי סטריט)

פּעדלערס און סטאָר קיפּערס
די בעסטע סגולה אַנצושטעלען קאַסטימערס און צו מאַכען געלד איז צו פיהרען דריי־גודס, רייןקאָוטס, פענסי גודס, דזשועלרי און נאָוועלטיס ביי קאַפּלאַן און קאָ.
האָלסייל און דזשאָבער 229 קווין סטריט וועסט טאָראָנטאָ, דער באַוואוסטער האָלסייל פּלאַץ וואו פיעל פּעדלער זענען בעריכט געוואָרען.
דזשאָב לאָטס זענען שטענדיג דאָ. אָרדערס פּינקטליך אַטענדעט.
קאַפּלאַן און קאָ. דזשאָבער 229 קווין סט. וו. טאָראָנטאָ אָנט.
טעלעפאָן עדלייד 3772.

נעהט וואו אַלע נעהן.
אַלע שניידער און פּעדלער קויפען זייערע וואָלענס און טרימינגס, פאַר סוטס און אָוערקאָוטס ביי
ליובינסקין
די ספּעציעלע אַגענטען פון גרעסטע און בעסטע ענגלישע און סקאָטלענדער וואָלען מיללס.
פאַר וואָס ניט איהר? אונזער נאָמען איז א גאַראַנטי פאַר קוואַליטעט און ראַיעלע בעהאַנדלונג.
J. LUBINSKY, 248 Simcoe Street, Toronto.
TELEPHONE MAIN 6446

עסט פרישע עסען און לעבט לאַנג
מיר קייטערן פאַר באַנקעטען, חתונות א. א. וו. מיר פערזאָרגען אייך דעם מאַן מיט עסען ווען די פאַמיליע איז אין קאַנטרי.
עסט אין א ריינעם רעסטאָראַנט. אַלעס שעהן, פריש, גוט געשמאַק זויבער און — דוקא ביליג.
אבער'ס כשר רעסטאָראַנט
168 קווין סטריט וועסט, טעלעפאָן עדלייד 1960

מ. העלער
176½ קווין סט. וועסט טאָראָנטאָ
נייעס פאַר אידען!
איין אידישע סטאָר פאַר אידען
מיר מאַכען אַלערליי דזשועלרי גלייך אויף'ן פּלאַץ. חתונה רינגען געמאַכט ווייל איהר וואַרט. מיר פיקסען אַלערליי דזשועלרי פאַר דעם ביליגסטען פּרייז.
14 קערעט חתונה רינגען 80 סענט א פּעניוויים. 18 קערעט חתונה רינגען $1.00 א פּעני־וויים.
וואַטשעס געקלינט גוט און גאַראַנטירט, 40 סענט. מיין ספּרינגס 40 סענט, הייר־ספּרינג 40 סענט, דזשועלס 40 סענט, סטעפּס 50 ס.
מיר מאַכען אייערע אַלטע דזשועלרי ווי נייע פאַר א קליינעם פּרייז. אַלערליי ברילען ריכטיג געפּאַסט צו אייערע אויגען 98 סענט. מיר גיבען אייך ראַיעלע סחורה פאַר דעם ביליגסטען פּרייז.



שפּאָרט א 40% פון אייער קוילען ביל!
דייזי אַש סיפטער
דאָס ווייזט ווי דער סיפטער איז אָפען. ער פערמאַכט זיך אזוי אַז ער מאַכט ניט קיין שטויב ווען אין געברויך
צוויי סייזעס: 75ס. און $1.25
פּאַטענטירט דזשון דעם 27־טען, 1913
צו בעקומען אין אַללע האַרדוועער סטאָרס.
אַז האָט איהר אַן אַש סיפטער (א באָקס וואָס זיפּט דורך די אַש וועלכער וועט זיכער פערקלענערן אייערע קוילען בילס, וועלכעס איז איצט זעהר וויכטיג. עס איז געמאַכט שטאַרק פון בעסטען מאַטעריאַל און איז אויסגעצייכענט מיט'ן סטייל און עס אַרבייט גוט. א לייכטער שאָקעל און די אַש ווערט אָבגעטהיילט פון די ניט פערברענטע קוילען און מען מוז ניט בייגען דעם רוקען דאָס צו טהאָן. קיינע אָנשטרענגונגען.
מאַנופעקטשורד בלויז ביי
סאַרעז בראָס., 549 קינג סט. וו., טאָראָנטאָ

בריעף פון פּאַריז

אינ'ם "אידישען פאָלק" שרייבט י. יאַקאָבסאָהן פון פּאַריז, פאָלגענדעס:

די ביטערע לאַגע פון אונזערע ברידער אין רוסלאַנד האָט די לעצטע צייט ערוועקט אַביסעל די אידישע הארץ ביי דעם פראַנצויזישען אידען.

פריהער, ווען אין רוסלאַנד איז נאָך געווען אין גאַליציע, און אויף דעם קאָזאַק האָט מען געקוקט אין פראַנקרייך ווי אויף א רעטער פון ציוויליזאַציאָן און קולטור, האָט זיך, געוועהנליך, קיינער ניט ערלויבט צו ריידען אפילו א קרומען וואָרט נעגען די רוסישע אכזריות. עס פלעגט גאָר אויסקומען אקוראַט ווי רוסלאַנד האָט א הכשר צו באָדען זיך אין טייכען אידישע בלוט.

אויב איך פלעגט ווען עס איז אויסגעקומען צו ריידען וועגען די אומגליקליכע אידען מיט די פאַרשטעהער פון דער פּאַריזער אידישער געמיינדע פלעגען זיי אַלע זיך האַלטען ביי איין טענה. אין אזא צייט ווען בעלגיען איז צופליגט און צוריסען, ווען אין 7 פראַנצויזישע דעפּאַרטמענטען זיצען די דייטשען, קענען מיר גאָר נישט זאָגען וואָס עס קען קאָמפּראָמעטירען אונזערע עלייעס. ס'איז ריכטיג, אייער לאַגע איז זעהר שווער, נור מיר קענען אייך ניט העלפען. אַט זעהט איהר, אַמעריקאַנער אידען קענען גראָדע וואָס עס איז טהון פאַר אייך. זיי זענען רייך, זיי האָבען א גרויסען איינפלוס אין לאַנד, און אקוראַט ווי רוסלאַנד נויטיגט זיך אין געלד און אין אַמוניציאָן און זי איז געצוואונגען צו ווענדען זיך צו אַמעריקאַ, אַט וועלען דיא אַמעריקאַנער אידען אויפהויבען זייער שטימע פאַר די רוסישע אידען און וועלען צווינגען רוסלאַנד צו האָבען דרך ארץ פאַר איהרע אידישע אונטערטהאַנען און פערבעסערען זייער לאַגע.

מיר, פראַנצויזישע אידען, קענען ניט איצט אפילו א וואָרט זאָגען פאַר אייך. אַט, אויפ'ן פריעדענס קאָנפערענץ וועלען מיר טהון פאַר אייך. אונזער אַלליאַנס איזראַעליט האָט א גרויסע ווירקונג ביי דער פראַנצויזישער רעגיערונג און וואָס עס וועט זיין מעגליך וועלען מיר דאַן פאַר אייך טהון.

נור די צייטען האָבען זיך געביטען. רוסלאַנד מיט איהר אַרמעע האָט אָפּגעטראָטען פון גאַליציען. וואַרשאַ איז געפאַלען. ריגאַ האַלט ערב - פאַלען;

נעוועהנליך די מיינונג וועגען דער רוסישער אַרמעע האָט זיך שטאַרק געביטען אין פראַנקרייך. דאָ האָפט מען ניט שוין אזוי שטאַרק אויף דער הילף וואָס רוסלאַנד וועט קענען געבען פראַנקרייך. און דער פראַנצויז גלויבט שוין ניט אזוי אין דער מאַכט פון דעם קאָזאַק.

און דערצו האָט נאָך דער גוסטאַוו הערווע אין "לא גערע סאָציאַל" געשריבען, אַז עס וואָלט געווען פיעל בעסער, ווען רוסלאַנד וואָלט זיך פערפעסטיגט אין איהרע פּאָזיציעס, איידער מאַכען פּאָגראָמען אויף אידען און איינפיהרען די רוסישע מנהגים אין גאַליציע.

און צו דער זעלבער צייט זענען נאָך דאָ אין דער פּרעסע אָבגעדרוקט געוואָרען איינינע בריעף פון די אידישע וואָלונטירן, וועלכע האָבען געמאַכט א פיינעם איינדרוק אין אַלע אידישע קרייזען. נור די הויפּט זאַך איז דאָס, אַז די פראַנצויזישע אידען ווי זיי זענען ניט אַסימילירט פונדעסטוועגען געפינט זיך נאָך אין זייער נשמה (ליידער די צאָהל פון די אידען איז ניט גרויס) איינינע פונקען פון אידישען נאַציאָנאַלען גייסט, און מיט שוואַכע פעדעמליך אין זייער הארץ נאָך צוגעבונדען צו דעם אידישען פאָלק.

אַט די אַלע קלייניגקייטען צוזאַמענגענומען האָבען געווירקט אזוי שטאַרק, אַז עס האָט זיך איינגעגעבען אַרויסצולאָזען אַן אויפרוף צו די פראַנצויזישע אידען, כדי צו שטיצען און העלפען זייערע אומגליקליכע ברידער פון פּוילען און רוסלאַנד.

דער אויפרוף האָט אונטערגעשריבען פּראָפ. סילוואַן לעווי, דאָס איז דער איינציגער איד, וועלכער האָט ניט מורא געהאַט אַז זיין נאָמען זאָל אָבגעדרוקט ווערען אָפען. מען מוז בעמערקען אַז זיין נאָמען איז זעהר פּאָפּולער צווישען די פראַנצויזישע אידען. די איבריגע אידען גיבען אפילו יאָ זייער הסכמה; נור זייער נאָמען זאָל אויך זיין אָפּגעדרוקט, ווילען זיי ניט.

אין דער פראַנצויזישער פּרעסע וועט דער אויפרוף זיך ניט דרוקען, כדי די היגע אַנטיסעמיטען, וועלכע הויבען אויף די קעפּ, זאָלען נישט האָבען וואָס צו ריידען, אַז אין א צייט ווען פראַנקרייך געפינט זיך זעלבסט אין געפאַהר, שיקען די פראַנצויזישע אידען געלד אין רוסלאַנד פאַר אידען.

דער אויפרוף זעלבסט ערקלעהרט אפילו אַז פריהער פאַר אַלץ איז ביי דעם פראַנצויזישען אידען טייער פראַנקרייך, נור אין דערזעלבער צייט ווערט אויך ערקלעהרט, אַז די פראַנצויזישע אידען זיינען לייבליכע ברידער פון די פערביטערטע און פעב'צרות'דיגע רוסישע אידען, און זייער חוב איז צו קומען זיי צו הילף און שטיצען זיי אין דעם קריטישען מאָמענט, אין וועלכען די רוסישע אידען לעבען איצט איבער.

מען רעכענט ניט אַז מען וועט דאָ צוזאַמענקלייבען א גרויסע סומע געלד, כאָטש אפילו דער באַראָן ראָטשילד וועט אויך געבען, נור דערהויפּט ווילען דיא פראַנצויזישע אידען בעווייזען (ווי פּראָפ. סילוואַן לעווי האָט מיר געזאָגט) אַז די פראַנצויזישע אידען אינטערעסירען זיך אויך מיט די רוסישע אידען און מיט דעם הויבען זייער געפאַלענעם מוטה.

די אונטערזוכונג וועגען דעם סיטי קאָנסול אָנגעפאַנגען

ווי בעוואוסט האָט זיך דעם ערשטען אָקטאָבער אָנגעפאַנגען בעפאָר דזשאַדזש דענטאָן די אונטערזוכונג וועגען דער קלאַגע, וואָס איז אָפיציעל געמאַכט געוואָרען אין דעם סיטי קאָנסול, אויף אַלדערמאַן מערעדיט פון א געוויסען מר. האַדזשסאָן.

די אונטערזוכונג איז א רעזולטאַט פון דער אַלטער אָנגעוועהטאָגטער פראַגע פון פייער דעפּאַרטמענט.

דאָס איז געווען ווען קוירנעל לענגטאָן איז נאָמינירט געוואָרען אַלס פייער קאָמישיאָנער, און איז עטליכע מאָהל צוריקגעוויזען געוואָרען. צום לעצטען מאָהל ווען דער קוירנעל איז נאָמינירט געוואָרען האָט מען אין קאָנסול געמאַכט די בעשולדיגונג אַז אַלדערמאַן מערעדיט איינער פון דעם קוירנעלס גענגער, האָט ערקלערט דאָס ווען דער קוירנעל וועט איהם אָבגעבען זיין פּאָזיציאָן וועלכע ער האַלט אין א געוויסער טראַסט קאָמפּאַניע אַלס סעקרעטער, וועט ער שטימען פאַר איהם אַלס פייער קאָמישיאָנער. צו דער זעלבער צייט איז שוין אויך געמאַכט געוואָרען אַנדערע קלאַגעס, דאָס א געוויסער אַלדערמאַן האָט פאַר 500 דאָלאַר צוגעזאָגט צו שטימען פאַר אַנעקסירען געוויסע לאַנד וועלכע איז געווען אויף'ן טאָגעס אָרדנונג אין קאָנסול.

ווי שוין דערמאָהנט האָט זיך דעם ערשטען אָקטאָבער אָנגעפאַנגען די אונטערזוכונג. אין קאָורט רום זיינען חוץ א גרויסער עולם אויך אַנוועזענד געווען אַלע אַלדערמען, דער גאַנצער סיטי קאָנסול, אַלע זיינען געווען נייגעריג צו הערען וואָס עס וועט אַרויסגעבראַכט ווערען ביי דער אונטערזוכונג.

דער ערשטער עדות איז אַרויסגערופען געוואָרען האַדזשסאָן, דער וועלכער האָט געמאַכט דעם אַפידייוויט.

ער האָט בעשטעטיגט די בעשולדיגונג אויף אַלדערמאַן מערעדיט.

קיין לאָיערס געוועהנליך פעהלען ניט אין דער אונטערזוכונג. די בעשולדיגטע אזוי גוט ווי די פערטהיידיגער זיינען פערטראָטען דורך לאָיערס.

לויט דעם אָנפאַנג פון דער אונטערזוכונג זעהט עס אויס אַז עס וועט זיין אינטערעסאַנט און מיר וועלען נאָך הערען נייעס. עס וועלען אַרויסגעבראַכט ווערען פיעלע סענזאַציעס וועגען די שטאָדט טאַטעס.

פאַלט אַראָפּ פון וואָגען און ווערט שווער פערוואונדעט

דזשאָרדזש גרום 33 יאָהר אַלט פון 393 סעקוויל סטריט איז נעכטען אַרונטערגעפאַלען פון א וואָגען, דער עקסידענט האָט פּאַסירט ווען ער האָט זיך אַריבערגעבויגען פון דער קעלניע א קוק טהאָן אויף א ראָד.

פאַלענדיג האָט ער זיך צובראָכען דעם שאַרבען פון קאָפּ.

א פּאָלים אַמבולאַנס האָט איהם אָבגעפיהרט אין סיינט מייקעלס האָספּיטאַל וואו די דאָקטוירים ערקלעהרען אַז ער איז שוין אויסער געפאַהר און וועט בלייבען לעבען.

אויטאָמאָבילס אויטאָמאָבילס
חתונות, פּיקניקס און פיונעראַלס.
פיוירסט קלאַס טורינג קאַרס, פאַר 7 פּאַסאַזשירען צו פערדינגען.
$1.50 א שטונדע אָדער ביים דזשאַב. צופריעדענהייט גאַראַנטירט.
69 סענט פּעטריק סטריט, מר. בלום טעלעפאָן קאָלעדזש 6998.

ווערט שיעור פערברענט פון גאַז

מרס. בערט סימפּסאָן פון 15 סקאַרלעט עוועניו איז נעכטען שיעור ניט פערברענט געוואָרען, ווען זי האָט גענומען אָנצינדען איהר גאַז סטאָוו אין קיטשען.

אָנצינדענדיג די גאַז האָט זי איין רעהר אין גאַנצען געלאָזען אָפען און זי האָט גלייך דערפילט גאַז. אָנפאַנגענדיג זוכען פון וואַנען די גאַז קומט האָט זי זיך איבערגעבויגען איבער'ן סטאָוו, עס האָבען זיך דאַן אָנגעכאַפּט איהרע קליידער, דיא קאָפּ האָט זיך איהר אויך שטאַרק פערדרעהט פון די גאַז אזוי אַז זי איז געפאַלען צו דער ערד, און האָט זיך ניט געקענט ראַטעווען.

אויף איהרע געשריי'ען זענען אָנגעלאָפען שכנים, און מען האָט זי ווי עס איז אָבגעראַטעוועט.

—):(—

6 טאָלער פאַר'ן פאָלקס פעראיין

מר. יוסף גאָלדשטיין 51 מאַרקהאַם סטריט וועלכער האָט געמאַכט א מלוה מלכה פיר די חברה קדושה פון די פּוילישע שוהל 17 עלם סטריט דערביי האָט אויך שטאַטגעפינדען א תנאים פון אייבי גאָלדשטיין מיט עני גאָלדשטיין האָבען זיי אויך נישט פערגעסען די היגע עלענדע אויף די אידישע קראַנקע און האָבען געזאַמעלט 6 טאָלער פאַר'ן פעראיין שמואל גאָלדשטיין 34 וואָלטאָן האָט געברענגט די געלד צום פעראיין. דער פאָלקס פעראיין ווינשט זיי מז"ט און דאַנקט די מנדבים.

פרוי שטאַרבט אין מיטען גאַס

סאַראַה טהאָמפּסאָן אַן עלטערע פרוי 55 יאָהר אַלט איז געפונען געוואָרען טויט אויף'ן קאָרנער גרינוואָאָד און וואָלפּאַל עוועניו דער פּאָליסמאַן וואָס האָט זי געפונען האָט געדענקט אַז זי איז שיכור, און ער האָט זי דעריבער געוואָלט אָבפיהרען אין פּאָלים סטיישאָן, אָבער נאָכדעם האָט ער זיך אַרומגעזעהען אַז די פרוי אָטהעמט ניט, און אָנשטאָט אין פּאָלים סטיישאָן האָט ער זי אָבגעפיהרט אינ'ם שטאָדטישען מאָרג.

דעם קאָראָנערס דזשורי האָט געמאַכט א אונטערזוכונג און האָט אַרויסגעטראָגען א ווערדיקט אַז די פרוי איז געשטאָרבען פון האַרץ שלאַג.

די פרוי איז געווען אַן אַלמנה, און האָט ניט געהאַט קיינע קרובים.

איבערגעפאָהרען פון אַן אויטאָמאָביל

נעכטען פאַרנאַכט איז אויף'ן קאָרנער סענטער עוועניו און ענגעס סטריט, איבערגעפאָהרען געוואָרען פון אַן אויטאָמאָביל א קליין אידיש מיידעלע פון 17 סענטער עוועניו. צום גליק איז דער אויטאָמאָביל אַריבער בלויז איבער איהר פיס, אזוי אַז זי איז אָבגעקומען מיט בלויז לייכטע וואונדען, און זי איז אויסער געפאַהר.

אידישער שילער רעקאָמענדירט פאַר סקאָלאַרשיפּ

די פּרינציפּאַלס פון די פערשיעדענע היגע הייסקוהלס האָבען אַריינגעשיקט צו דער באָארד אָף עדיוקיישאָן א ליסטע פון שילער, וועלכע זיי רעקאָמענדירען פאַר סקאָלאַרשיפּס. צווישען דיעזער ליסטע געפינען זיך פאָלגענדע אידישע שילער:

מאָריס סינגער, העררי ראָזענבערג, העררי פיין, לואיס וויינטרויב, פּסח מאַטענקאָ, דוד אייזען און ז. י. האָבערמאַן

דיעזע אַלע שילער האָבען בעקומען די העכסטע מאַרקס אין זייערע קלאַסען.

אַרמעניער וועלען ערלויבט ווערען צו עמיגרירען.

וואַשינגטאָן, אָקטאָבער 2. — עס איז דאָ היינט בעקאַנט געוואָרען, אַז די טערקישע רעגיערונג האָט איינגעוויליגט צו ערלויבען די אויסוואַנדערונג פון אַלע אַרמעניער, וועלכע וועלען איינשטימען צו עמיגרירען נאָך אַמעריקאַ און ווערען אַמעריקאַנער בירגער. די ערלויבניש האָט בעקומען דער אַמעריקאַנער געזאַנדטער הענרי מאָרגענטהאַו און ה' מאָרגענטהאַו וועט מוזען ערב זיין פאַר דער טערקישער רעגיערונג, אַז די אַרמעניער פאָהרען טאַקע באמת נאָך אַמעריקאַ און וועלען דאָ פערבלייבען.

די "באָארד אָוו קאָמישיאָנערס פאַר פאָרין מישאָנס" קלייבט זיך שוין אַרויסצוקומען מיט אַן אויפרוף צו זאַמלען א פאָנד צו העלפען אָהער אַריבערברענגען די אַרמעניער.

די אַרמעניער וועלען ניט האָבען קיין ספּעציעלע פּריווילעגיעס ביים אַריינקומען אין אַמעריקאַ, זיי וועלען זיין אונטערוואָרפען די אימיגראַציאָנס־געזעצע פּונקט ווי אַלע אַנדערע אימיגראַנטען.

וועמענס קינד איז עס

נעכטען נאָכמיטאָג איז א קליינער איינגעלע פון א יאָהר דריי געפונען געוואָרען זיצענדיג אויף די טרעפּ פון דער מעטאָדיסט טשוירטש אין עלים קאָרט.

דאָס איינגעלע איז דאָרט אזוי לאַנג געזעסען ביז פערבייגעהער האָבען איהם בעמערקט און האָבען איהם אַריינגענומען אין טשוירטש.

פון טשוירטש איז ער אָבגעפיהרט געוואָרען אין וואַשינגטאָן עוועניו פּאָלים סטיישאָן מען האָט אַלץ געדענקט אַז יעמאַנד וועט זיך אָברופען פאַר'ן קינד. אָבער קיינער האָט זיך ניט געמעלדען. ווי עס ווייזט אויס האָט געוויס אימיצער איבערגעלאָזען דאָס קינד אויף הפקר און דעריבער איז דאָס קינד אָבגעפיהרט געוואָרען אין סימקאָ סטריט שעלטער וואו עס וואַרט אַז זיין טאַטע מאַמע זאָל איהם קומען נעהמען א היים.

אויפמערקזאַם

דער פאָלקס פעראיין מאַכט אויפמערקזאַם דאָס דער יעהרליכער בעריכט וואָס ער גיט אַרויס וועט ערשיינען נאָך אין עטליכע טעג ווען יעדער וועט איהם בעקומען פריי.

(פאָרזעצונג פון פּיידזש 4)

לונגען זיך דורכצושמוגלען דורך זייערע זענד.

פיעלע פרויען האָבען אָנגעווענדעט פערשיעדענע מיטלען און טריקס זיך אַריינצושמוגל'ענען אויף'ן שיף אָבער די וואַך האָט זיי אויסגעפונען און צוריק געשיקט.

און אינטערעסאַנטע געשיכטע ווערט דערצעהלט וועגען אַן אַמעריקאַנער מיידעל א סטודענטקע אין גריכענלאַנד, וועלכע האָט זיך אַריינגענומען אין קאָפּ צו בעזוכען דעם פערבאָטענעם באַרג אַטאָס. זי האָט זיך א צייט לאַנג צוגעגרייט דערצו מיט דער הילף פון איהרען א פריינד א יונגען מאַן וועלכער האָט זי געזאָלט בעגלייטען אהין האָט זי זיך צוגעוואוינט צו געהן ווי א מאַן, פלעגט רויכערען סיגאַרעטען און סיגאַרען און זאָגאַר א פּייפ איהר שטימע איז געווען טיעף ווי די שטימע פון א מאַן. הקיצור ווען זי האָט זיך פערשטעלט אין מענער קליידער איז אַבסאָלוט אונמעגליך געווען צו פערדעכטיגען אַז דאָס איז א פרוי.

און זי איז טאַקי אַרונטערגעגאַנגען אָהן שוועריגקייטען אין דעם האַפען שטעדטעל דאַפנע, וואו דאָס שיף שטעלט זיך אָב אָבער עס איז נאָך געבליבען דורכצוגעהן דורך דער מאָנאַכען פּאָליציי, דורך די 50 אַלבאַנישע שומרים אין קאַריאַס, און דאָרט איז זי דורכגעפאַלען. איינער פון די שומרים האָט זי פערדעכטיגט כאָטש זי האָט געשפּיעלט איהר ראָלע אַלס יונגער מאַן אויסגעצייכענט. כדי זיך צו איבערצייגען אַז זיין פערדאַכט איז בעגרינדעט איז ער געפאַלען אויף א המצאה. ער האָט די גאַנצע צייט געשוויגען נאָר ווען די יונגע פרוי אין מענער קליידער איז שוין געווען גרייט אַרויסצוגעהן פון דעם פּאָליציי ביוראָ אין גאַס האָט ער פּלוצלונג אויסגערופען אויף ענגליש "פּליעז בי קערפול!" אַז זי האָט אינסטינקטיוו געמאַכט א בעוועגונג אזוי ווי זי וואָלט וועלען אויפהויבען איהר סקוירט...

דאָס האָט זי פערראַטהען. זי איז גלייך אָבגעפיהרט געוואָרען צום האַפען און אַרויפגעזעצט געוואָרען אויף'ן זעלבען שיף מיט וועלכען זי איז געקומען.

א. פ.

בערלין מאַכט צו קליין געלד דעם גאַנצען ענגלישען נצחון.

בערלין, דורך האַאַג, סעפּטעמבער 29.

דער ערשטער נעלויף פון די ענגליש פראַנצויזישע טרופּען אין מערב זייט איז בעגעגענט און אָבגעשטעלט געוואָרען. דער צווייטער נעלויף, איז דאָ פערשפּראָכען געוואָרען, וועט בעהאַנדעלט ווערען נאָך מעהר ווירקזאַם. עס איז דורכאויס צו גלויבען אַז דאָס וואָס איז געפאַלען וועט געוואָרען אַלס א גרויסע אַנגרייפענדע בעוועגונג וועט זיך צופאַלען און עס וועט אָנגעהמען דעם כאַראַקטער פון א טרענטשמעסיגער מלחמה נאָך איידער דיעזע וואָך וועט זיין צו ענדע.

טראָטץ דעם וואָס די דייטשען האָבען זונטאָג ביינאַכט און נעכטען אין דער פריה אָבגעשטעלט די אַטאַקען, ווערען דאָך די עליים ערוואַרטעט דאָס זיי וועלען נאָך אַמאָל אַטאַקירען. עס הערשט דאָ די מיינונג דאָס דער אַנפאַל אויף די דייטשע פּאָזיציאָנען וועט דויערען ווענינסטענס א גאַנצע וואָך, סיידען אַן אונגליק וועט בעשעהען פונקט דער וועלכען די דייטשען האָבען דורכגעמאַכט ביי נעוו שאַפּעל, וועלכער בלויז אַליין וועט אָבהאַלטען די אָפּעראַציעס.

זייט די אַטאַקען פון ערשטען טאָג אַן איז עס ניט די ענגלענדער אויך ניט די פראַנצויזען געלונגען דורכצוברעכען די דייטשע ליניע. לויט בעריכטען וואָס קומען אַן אָהער האָבען די עליים דאָרום געהאַט אַן ערפאָלג אין די ערשטע שטונדען פון דער שלאַכט ווייל זיי האָבען געמאַכט לאַנגע פּאַרבערייטונגען. נאָכדעם ווי די עליים האָבען איינינע וואָכען געשפּיגען מיט פייערדיגע באָמבעס אויף די דייטשע טרענטשעס, וועלכע זיי האָבען טהיילווייז צושמעטערט, האָבען די דייטשען גערעכענט פאַר נוצלאָז זיי צו פערטהיידיגען בעצאָהלענדיג א הויכען פּרייז מיט לעבענספערלוסט. דאָס איז געווען די אורזאַכע וואָס די דייטשען האָבען זיך צוריקגעצויגען אין שאַמפּאַן און האָבען נאָכגעלאָזט זייער קליים אויף דעם שאַלען טרענטש פראָנט ביי לאָא.

אין דער פראַנצויזישער שלאַכט פון צווייטען טאָג איז עס שוין דער אינפאַנטעריע ניט אזוי לייכט נעגאַנגען. זייערע אַרטילעריע האָט ניט אַריינגעדרונגען אין דער צווייטער ליניע טרענטשעס. און פון הינטער זייערע טרענטש־פעסטונגען האָבען די דייטשען זיך געהאַלטען אָהנע אונטערצוגעבען ווי פיעל עס איז גרונד.

אין צפון זייט זיינען די ענגלענדער אָבגעשטעלט געוואָרען נאָך איידער זיי זיינען געקומען צו די דראָט געצען דורך א הייסען פייער און דאַן זיינען זיי נאָכגעיאָגט געוואָרען ביז אין זייערע אייגענע טרענטשעס. עס ווערט דאַן אָפיציעל ערקלעהרט דאָס דער שונא האָט ווייטער נאָר ניט געוואונען אין דעם געגענד פון אַראַ ביז צום ים.

MEET ME AT THE FIRESIDE Strand YONGE NEAR KING CONTINUOUS 10 AM TO 11 PM. MATS 5¢-10¢ EVES 5¢-10¢-15¢
די גאַנצע וואָך פון אָקטאָבער 4־טען
קאַביריאַ
12 ריעלס — קיין אַדוואַנס אין פּרייזען.
מעזאַניני סיטס רעזערווירט ביי טעלעפאָן מיין 3345

ROYAL ALEXANDRA
דריטע קאָלאָסאַלע וואָך פון דער גרעסטער סענסאַציע פון היינטיגען דור
דאָס
געבורטה פון א נאַציאָן
THE BIRTH OF A NATIO
מאַטינעע יעדען טאָג.
אָבענד פּרייזען: 50ס. ביז $1.50.
מאַטינעע 50ס. ביז $1.00.
נעקסטע וואָך.
די ערשטע מיוזיקאַלישע פאָרשטעלונג פון סיזאָן "טו נייט איז די נייט"
הייטע אָבענד איז די נאַכט.

אויפמערקזאַם
ליידיס - טיילאָרס
דיא וויכטיגסטע זאַך אין אייערע ביזנעס איז צו מאַכען גאַרמענטס ניט א פּוירפעקט פיט. — כדי דאָס צו טהאָן מוזט איהר האָבען פאָלקאָמענע פאָרמס. די
דייל בראַנד
געמאַכט צו פּאַסען קאַנאַדיען פרויען פאַר דעם קאַנאַדיען מאַנופעקטשורער איז דער פאָרם וואָס דאַרפסט.
- DALE -
WAX FIGURE Co. Limited
106 FRONT STREET East
טעלעפאָנס:
מיין — — — 3023
דזשאַנקשאַן — 1923

דיימאָנדס
$1 $2 $3
וועכענטליך
איהר האָט יעצט די געלעגענהייט צו האָבען דעם פיינסטען דיימאָנד אָדער אַנדערע דזשועלרי דורך דאָס קרעדיט סיסטעם פון דזשייקאָב בראָדער. דיימאָנדס ווי עס איז בעוואוסט ווערען אַלע מאָל טייערער און עס איז אַן אינוועסטמענט.
מיר געטרויען יעדען ערליכען מענשען [illegible] 10 פּראָצענט פאַר קעש.
דזשייקאָב בראָדער 15 יאָנג סטריט אַרקייד.

אויפמערקזאַם
כשר
אזוי ווי אונזערע ביזנעס פערגרעסערען זיך יעדען טאָג האָבען מיר געפונען פאַר נויטיג צו עפענען נאָך איין בוטשער שאָפּ אין 80 עליזאַבעטה סטריט
וואו מיר פערקויפען רינדערנע, קעלבערנע און שעפּסענע פלייש 8 סענט א פונט.
יעדען טאָג פריש געשאַכטען ברוסט און סטייק, 14 סענט א פונט. קעלבערנע צאַפּס און לעם צאַפּס 12 סענט א פונט.
באַרענשטיין און וויינראַב
אונד 134 עליזאַבעט סט.
די זעלבע פּרייזעס

חזן מאַנאַוויטש
פון מעקאַל שוהל
מוהל
ומסדר קדושין
233 Beverley Street
Tel. College 2033

מאָנטרעאַלער רעדאַקטאָר אַרעסטירט

מאָנטרעאַל, אָקט. 3.

זשול פּורניע, דער רעדאַקטאָר פון היגען וועכענטליכען זשורנאַל, ל'אַקסיאָן איז שבת אַרעסטירט געוואָרען אויף דער בעשולדיגונג דאָס ער האָט געמאַכט א קרימינעלען לייבעל אויף'ן מייאָר מעדעריק מאַרטין, און ער וועט ערשיינען מיטוואָך פאַר אַן אויספאָרשונג.

ער איז אַרויס אויף בייל אין טויזענד דאָללאַר.

דער אַרעסט איז דער רעזולטאַט פון אַן אַרטיקעל וואָס איז ערשיענען אין זיין צייטונג, אין וועלכען עס ווערט דערצעהלט דאָס א געוויסע קאָמפּאַניע האָט פערגעשלאָגען סומען געלד און האָט געזאָלט בעצאָהלען דעם מייאָר און מיטגליעדער פון קאָנטראָל באָרד ראטה כדי צו קריגען שטאָט קאָנטראַקטען.

דזשורי קען זיך ניט איינינען אין א קייס פון האַכפּראַטה

מאָנטרעאַל, אָקט. 2.

די דזשורי וועלכע האָט געמשפּט מר. שאָופער, אויף דער קלאַגע פון האַכפּראַטה, האָט זיך ניט געקענט איינינען און פאָלגליך וועט געמאַכט ווערען א נייער טרייעל.

שאָופער ווערט בעשולדיגט דאָס ער האָט פערקויפט שיפּס־קאַרטען צו עסטרייכער. אויף אזא אופן, העלפענדיג זיי צו פערלאָזען דאָס לאַנד.

דער טרייל האָט זיך געצויגען עטליכע טאָג. און ווען עס איז געקומען צו דער דזשורי, האָבען זיי זיך פאַר קיין פאַל ניט געקענט איינינען.